בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

מרן **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

שנאמרו אצל מסיבת מלוה מלכה לטובת המוסדות

## מוצש"ק ויצא תשט"ז

• יש קפיצת הדרך שקדושת המקום קופץ למקום שנמצא • לָוּו עָלַי וַאֲנִי פּוֹרֵעַ •
• הַמְבַזְבֵּז אַל יְבַזְבֵּז יוֹתֵר מֵחֹמֶשׁ • זכות תינוקות של בית רבן מציל כל העיר •
• בזכות הפחד למען הדורות עזר השי"ת • יעקב אבינו יסד חינוך בלי פשרות •
• יעקב אבינו פָּחַד מֵאַחְוָה עם לבן • טובה גדולה כשהגוים מואסים בישראל •
• בזמן חשכות אין לישב בחיבוק ידים • בזכות תשב"ר נקבל פני משיח צדקינו •

נעתקו בלשון אידיש

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

שנת תשע"ח לפ"ק

KolSatmar.com

יצא לאור ע״י
**מערכת ״לשון קדשו״**
מאנטריאל קאנאדא
1-514-585-3040

**קונטרס 42**
315

---

## לשמיעת הדברות קודש:

**1-718-298-4641** **072-3333419** (בארץ ישראל)
(פון אייראפע 972-72-3333419+)

צו הערן די תורה **מסיבה להמוסדות מוצש״ק ויצא תשט״ז**

דרוקט: **#→16→7→1→6→1** (דרוקט אלע נומערן אינאיינעם)

(45 מינוט) נישט אַזוי קלאָר

---

**לע״נ הרה״ג ר׳ מרדכי צבי ב״ר חיים דוב הלוי זצ״ל אדלער**
דומ״ץ איגלא בעמח״ס עיר מבצר על מגילת אסתר

לעילו נשמות
הר״ר **שלמה זאב** ע״ה ב״ר **דוד הכהן** נ״י (לאנדא)
הר״ר **ישראל יחזקאל שרגא** ע״ה ב״ר **יקותיאל יהודה הלוי** נ״י (לעווי)
הר״ר **דוד צבי** ע״ה ב״ר **אריה יהודה** נ״י (מאיער)
**תנצב״ה**

KolSatmar.com

## א
# קושיות ודיוקים בפסוק וַיֵּצֵא יַעֲקֹב

### קושיא א:

בפרקי דרבי אליעזר: אותה הַבְּאֵר הנקרא בְּאֵר שָׁבַע הלך עם יעקב אבינו לחרן. וצ"ב הכוונה?

**א)** [וַיֵּצֵא יַעֲקֹב מִבְּאֵר שָׁבַע וַיֵּלֶךְ חָרָנָה. איתא **בפרקי דרבי אליעזר**[א]: רבי עקיבא אומר כל מקום שהיו אבותינו הולכים היה הַבְּאֵר מהלכת לפניהם וכו'].

... [והיינו דכתיב וַיַּרְא וְהִנֵּה 'בְאֵר' בַּשָּׂדֶה, דכשהגיע יעקב לחרן] **האָט ער געטראָפן דאָרט דעם זעלבן בְּאֵר וואָס ער האָט געהאַט אינדערהיים, ווען ער איז געווען דאָרט אין בְּאֵר שֶׁבַע,** [וצ"ב הכוונה במה שכתוב שהיתה הַבְּאֵר מהלכת לפניו].

## ב
### קושיא ב:

פירש"י: פָּנָה הוֹדָהּ פָּנָה זִיוָהּ. וצ"ב הלא נשאר שם יצחק אבינו?.

**רש"י זאָגט וַיֵּצֵא יַעֲקֹב מִבְּאֵר שָׁבַע.** [לא היה צריך לכתוב אלא "וילך יעקב חרנה"], **וואָס שטייט עפּעס "וַיֵּצֵא יַעֲקֹב" ער איז אַרויסגעגאַנגען?, שטייט יְצִיאַת צַדִּיק מִן הַמָּקוֹם עוֹשֶׂה רוֹשֶׁם,** [ווען] **דער צדיק איז אין שטאָט איז** [הוּא] **הוֹדָהּ,** [הוּא] **זִיוָהּ, דעם שיינקייט, יָצָא מִן הַמָּקוֹם איז פָּנָה הוֹדָהּ פָּנָה זִיוָהּ פָּנָה הֲדָרָהּ, ס'איז מיטגעגאַנגען.**

**ב)** ער [המדרש (בר"ר סח, ו)] **פרעגט נאָך, ס'איז דאָך געבליבן יצחק אבינו און רבקה?.**

[ומתרץ המדרש] **נאָר ס'איז אַ חילוק, אינו דומה,** [ווייל דער] **זכות פון דריי און פון צוויי** [צדיקים] **איז מער ווי פון איינעם, אַלץ איז עפּעס מיטגעגאַנגען, איז נאָך שייך** [לומר] **פָּנָה הוֹדָהּ, ס'איז** [עפּעס] **אַוועקגעגאַנגען.** - [ועוד לאלוקי מילין].

## ג
### קושיא ג:

קושית הכלי יקר. למה דוקא ביעקב אבינו מודיע הכתוב שיציאת צדיק עושה רושם?

**ג) נאָר דער כלי יקר פרעגט, אברהם אבינו האָט געמאַכט כמה נסיעות און יצחק אבינו כמה נסיעות, פאַרוואָס שטייט דאָרט נישט "ויצא אברהם" ער זאָל מיר דאָס דערציילן אַז ס'איז פָּנָה הוֹדָהּ פָּנָה זִיוָהּ פָּנָה הֲדָרָהּ, פונקט דאָ ביי יעקב'ן שטעלט דער פסוק אַראָפּ אַן איבריגן פסוק וַיֵּצֵא יַעֲקֹב?!, ווי רש"י זאָגט ס'האָט נישט געברויכט צו שטיין, ס'איז** [דאָך] **שוין געשטאַנען יענע וואָכעדיגע סדרה ער איז געגאַנגען** [וַיֵּלֶךְ פַּדֶּנָה אֲרָם], **שטייט אַן איבעריגער פסוק, ער זאָל מיר דערציילן אַז ס'האָט געמאַכט אַ רושם, פָּנָה הוֹדָהּ פָּנָה זִיוָהּ פָּנָה הֲדָרָהּ.**

---

[א] **בפרקי דרבי אליעזר** (פרק לה) רבי עקיבא אומר כל מקום שהיו אבותינו הולכים היה הַבְּאֵר מהלכת לפניהם, וחופרן בארץ שלשה פעמים ומוציאין אותן לפניהם. אברהם חפר שלשה פעמים ומצא אותה לפניו, שנאמר וַיָּשָׁב יִצְחָק וַיַּחְפֹּר אֶת בְּאֵרֹת הַמַּיִם (בראשית כו, יח), ויצחק חפר בארץ שני פעמים ומצא אותה לפניו, שנאמר וַיַּחְפְּרוּ עַבְדֵי יִצְחָק בַּנָּחַל (בראשית כו, יט), וכתיב בירושלים וְהָיָה בַּיּוֹם הַהוּא יֵצְאוּ מַיִם חַיִּים מִירוּשָׁלַםִ (זכרי' יד, ח), היא הַבְּאֵר שעתידה לעלות בירושלים ולהשקות כל סביבותיה. ועל שמצאו אותה שבעה פעמים קראו אותה שֶׁבַע, ועל שם הַבְּאֵר נקראת העיר "בְּאֵר שֶׁבַע" עד היום הזה. בן שבעה ושבעים שנה היה יעקב בצאתו מבית אביו, והיתה הַבְּאֵר מהלכת לפניו עד הר המוריה וכו', ומשם נשא רגליו וכהרף עין בא לחרן. - ופירש הרד"ל, עפ"י המדרש **שוחר טוב** (תהלים צא) שהיתה הַבְּאֵר מהלכת לפניו לחרן, להיות מזומנת בחרן, והיינו דכתיב וַיַּרְא וְהִנֵּה 'בְאֵר' בַּשָּׂדֶה.

KolSatmar.com

ד

## קושיות ודיוקים בפסוקי נֶדֶר יַעֲקֹב

**וַיִּדַּר יַעֲקֹב נֶדֶר לֵאמֹר**, יעקב אבינו האָט אַ נדר געטוהן, **אִם יִהְיֶה אֱלֹקִים עִמָּדִי**, אַז השם יתברך וועט זיין מיט מיר, **וּשְׁמָרַנִי בַּדֶּרֶךְ הַזֶּה**, און ער וועט מיך אָפּהיטן אויפ'ן וועג, **וְהָיָה ה' לִי לֵאלֹקִים**, השי"ת וועט זיין לִי לֵאלֹקִים. [וְהָאֶבֶן הַזֹּאת אֲשֶׁר שַׂמְתִּי מַצֵּבָה יִהְיֶה בֵּית אֱלֹהִים וְכֹל אֲשֶׁר תִּתֶּן לִי עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ לָךְ].

ה

קושיא ד:

צריך ביאור שייכות המשך הפסוק עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ לָךְ לתחלת הפסוק וְהָיָה ה' לִי לֵאלֹקִים

ד) [**וְהָיָה ה' לִי לֵאלֹקִים**] זאָגט **רש"י: שלא ימצא פסול בזרעי**, ס'וועט נישט זיין חלילה קיין פסול אין די קינדער.

[וכוונת רש"י, אַז] ס'שטעלט זיך אַריין [הלימוד בפסוק], פאַרוואָס, ווייל אַזוי אַרומער איז לִי לֵאלֹקִים, לִי איז אַ נצחיות ווי דער מדרש זאָגט[ב], און ווי איך האָב עס אַמאָל מסביר געווען[ג].

על כל פנים אַזוי טייטשט דאָך רש"י אויף וְהָיָה ה' לִי לֵאלֹקִים אַז ס'וועט נישט זיין קיין פסול בזרעי.

האָט ער אַ נדר געטוהן וְהָאֶבֶן הַזֹּאת אֲשֶׁר שַׂמְתִּי מַצֵּבָה יִהְיֶה בֵּית אֱלֹקִים וְכֹל אֲשֶׁר תִּתֶּן לִי עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ לָךְ. [וצ"ב ההמשך] (המשך הקושיות בנֶדֶר יַעֲקֹב באות ט)

ו

## קושיות ודיוקים בפסוק אָכֵן יֵשׁ ה' בַּמָּקוֹם הַזֶּה

קודם שטייט **וַיִּשְׁכַּב בַּמָּקוֹם הַהוּא** [וַיִּיקַץ יַעֲקֹב מִשְּׁנָתוֹ וַיֹּאמֶר], **אָכֵן יֵשׁ ה' בַּמָּקוֹם הַזֶּה וְאָנֹכִי לֹא יָדָעְתִּי.**

[וַיִּירָא וַיֹּאמַר מַה נּוֹרָא הַמָּקוֹם הַזֶּה אֵין זֶה כִּי אִם בֵּית אֱלֹקִים וגו'. פרש"י: אומר אני שנעקר הר המוריה ובא לכאן, וזהו היא קפיצת הארץ האמורה בשחיטת חולין (צא:), שבא בית המקדש לקראתו עד בית אל, וזהו וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם וכו'. כי מטא לחרן אמר, אפשר שעברתי על מקום שהתפללו אבותי ולא התפללתי בו, יהב דעתיה למהדר וחזר עד בית אל וקפצה לו הארץ].

קושיא ה:

הלא ידע גם מאבותיו קדושת מקום המקדש, ומה נתחדש לו שאמר וְאָנֹכִי לֹא יָדָעְתִּי?

ה) לכאורה ער איז דאָך דאָרט געווען אויפ'ן מקום המקדש, קפצה לו הארץ, ער האָט דאָך געוואוסט אַז דאָרטן איז השראת השכינה, ער האָט דאָך געזאָגט אפשר שעברתי על מקום שהתפללו בו אבותי, ער איז דאָך מקובל געווען פון זיינע עלטערן זיי זענען אַהינגעגאַנגען מתפלל זיין, האָבן זיי דאָך געוואוסט וואָס דאָרט איז, ער איז עפּעס נייעס געוואויר געוואָרן? **אָכֵן יֵשׁ ה' בַּמָּקוֹם הַזֶּה וְאָנֹכִי לֹא יָדָעְתִּי.**

---

[ב] במדרש רבה (ויק"ר ב, ב) בכל מקום שנאמר לִי אינו זז לעולם לא בעולם הזה ולא לעולם הבא. ובמדרש תנחומא (תרומה, ג) וְיִקְחוּ תְּרוּמָה אין כתיב כאן, אלא וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה וכו' בעולם הזה ובעולם הבא.

[ג] עיין דברי יואל (לחנוכה, אות כג) ששם הוי"ה ב"ה מרמז לנצחיות, וזהו שאיתא במדרש כל מקום שנאמר לִי הרי זה קיים לעולם ולעולמי עולמים. והוא לטעם הנ"ל דמה שהוא לִי לשמי, לשם הוי"ה ב"ר הוא נצחיות. [ולזה וְהָיָה הוי"ה לִי לֵאלֹקִים, מרמז לנצחיות].

KolSatmar.com

### ז

**קושיא ו:**

צ"ב מה רצה למעט באמרו אֵין זֶה כִּי אִם?

ו) וואָס איז דער "אֵין זֶה כִּי אִם" בֵּית אֱלֹקִים, זאָל ער זאָגן זֶה בֵּית אֱלֹקִים, "אֵין זֶה" דאָס איז נישט נאָר, איז משמע אַז עפּעס איז ער דאָ ממעט.

### ח

**קושיא ז:**

קושית הרמב"ן על פירש"י, שלא מצינו שהארץ קופץ, וצ"ב ליישב דעת רש"י שנעקר הר המוריה.

ז) **רש"י** זאָגט, קָפְצָה לוֹ הָאָרֶץ, זאָגט רש"י אַזוי, נישט אַזוי ווי 'ער' איז אַהינגעקומען, נאָר דאָס 'פּלאַץ' איז צו 'אים' געקומען, נעקר הר המוריה און ער איז געקומען צו דעם פּלאַץ וואו ער איז געווען.

דער **רמב"ן** פרעגט אים [על רש"י] זייער האַרב[ד], מ'געפינט נישט אין ערגעץ אַזאַ קפיצת הארץ, מ'געפינט קפיצת הארץ ביי אליעזר'ן ווען ער איז געקומען קיין חרן, איז דען חרן געגאַנגען צו אים?, ער איז געגאַנגען אַהין דאָרטן צו לבן'ן און צו בתואל'ן און ער האָט גענומען רבקה'ן און ער איז אָנגעקומען קיין חרן, יעדער קפיצת הארץ איז קָפְצָה הָאָרֶץ [רק] אַז ער איז אָנגעקומען אַהין, אָבער דאָס אַז דאָס פּלאַץ זאָל קומען צו אים געפינט מען נישט.

גם בהליכה לחרן מצינו שהיה ליעקב אבינו "קפיצת הדרך", אבל אי אפשר לומר שחרן בא אצלו

ס'שטייט אויך אין **פרקי דרבי אליעזר** (פרק לה) און דער **תרגום יונתן** זאָגט אויפ'ן אָרט וַיֵּצֵא יַעֲקֹב מִבְּאֵר שָׁבַע וַיֵּלֶךְ [חָרָנָה. קָפְצַת אַרְעָא קוּמוֹי, וּבְהַהוּא יוֹמָא דְנָפַק אָזַל לְחָרָן], אַז דעם טאָג און די מינוט וואָס ער איז אַרויס פון באר שבע איז ער געווען אין חרן, ער האָט קיין חרן אויך געהאַט קפיצת הארץ, איז דען חרן געקומען צו אים?!

דאָרט איז [דאָך] געווען לבן. ער [יעקב] איז דאָך 'אַוועקגעגאַנגען' [מחרן, כשאמר לו הקב"ה] שׁוּב אֶל אֶרֶץ [אֲבוֹתֶיךָ] וּלְמוֹלַדְתֶּךָ, ער איז דאָך געווען דאָרטן ביי לבן'ן אין הויז, ס'איז נישט געקומען אַהין דאָס פּלאַץ צו אים [לבאר שבע].

וואָס איז עפּעס דאָ אַנדערש, פון וואו האָט ער [רש"י] גענומען דאָ אָט אַ פרישן פשט אַ נייע מין גאַטונג קפיצת הארץ אַז דאָס פּלאַץ איז געקומען צו אים. אַזוי פרעגט דער רמב"ן, ער ווייסט נישט וואו איז דער מקור, און פאַרוואָס זאָל איך דאָס מְשַׁנֶּה זיין. פאַרוואָס זאָגט עפּעס דאָ רש"י אַנדערש ווי איבעראַל מ'געפונט קפיצת הארץ אַז מ'איז געקומען צום פּלאַץ.

[וצריך ביאור] דאָס ענין דערפון, מסביר צו זיין דאָס ענין, דעת רש"י ז"ל [למה נשתנה קפיצת הארץ זו שקפץ המקום אצלו].

---

[ד] ברמב"ן (כח, יז) וז"ל, ולא נראה לי כלל, שאין קפיצת הארץ שהזכירו ביעקב אלא כאותה שאמרו באליעזר עבד אברהם שבא ביום אחד לחרן, כמו שאמרו בסנהדרין (צה.) שלשה קפצה להם הארץ, אליעזר עבד אברהם, ויעקב אבינו, ואבישי בן צרויה. ופירשו אליעזר עבד אברהם, דכתיב וָאָבֹא 'הַיּוֹם' אֶל הָעָיִן, למימרא דההוא יומא נפק. יעקב, דכתיב וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם. כי מטא לחרן אמר, אפשר שעברתי על מקום שהתפללו אבותי ולא התפללתי בו, כיון דהרהר בדעתיה למהדר קפצה ליה ארעא, מיד וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם. הנה בפירוש אומרים שכיון שעלה בלבו בחרן לחזור קפצה לו הארץ, ופגע במקום שהתפללו בו אבותיו, לא שחזר לבית אל ולא שקפץ הר המוריה ובא לשם וכו' עיי"ש.

KolSatmar.com

## ט

# עוד קושיות ודיוקים בפסוקי נֶדֶר יַעֲקֹב

### קושיא ח:

וְהָאֶבֶן הַזֹּאת: צ"ב מה בא למעט בתיבת הַזֹּאת?

ח) כ'האָב דאָ אָנגעהויבן (באות ה) ביי יעקב אבינו'ס נדר, וְהָיָה ה' לִי לֵאלֹקִים שלא ימצא פסול בזרעי, וְהָאֶבֶן הַזֹּאת אֲשֶׁר שַׂמְתִּי מַצֵּבָה יִהְיֶה בֵּית אֱלֹקִים.

**וְהָאֶבֶן הַזֹּאת**, זֹאת איז אַ מיעוט, איבעראָל אַז ס'שטייט זֹאת איז נאָר דאָס, וואָס איז ער דאָ ממעט?, וְהָאֶבֶן הַזֹּאת אֲשֶׁר שַׂמְתִּי מַצֵּבָה האָט ער דאָך געזאָגט וועלכן שטיין, דעם שטיין וואָס כ'האָב געשטעלט אַ מצבה יִהְיֶה בֵּית אֱלֹקִים, וואָס זאָגט ער הַזֹּאת, נאָר 'דעם', ער איז דאָך עפּעס ממעט דאָ אָט, איבעראָל [בא "זֹאת" למעט], ס'מוז דאָך עפּעס זיין פשט.

## י

הקדמה לקושיא ט: באושא התקינו הַמְבַזְבֵּז אַל יְבַזְבֵּז יוֹתֵר מֵחֹמֶשׁ מנכסיו, ולמדוהו מפסוק זה עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ

**וְכֹל אֲשֶׁר תִּתֶּן לִי עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ לָךְ.** די גמרא אין כתובות[ה] לערנט אַרויס פון דעם פסוק וְכֹל אֲשֶׁר תִּתֶּן לִי עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ לָךְ, [באושא התקינו] **הַמְבַזְבֵּז אַל יְבַזְבֵּז יוֹתֵר מֵחֹמֶשׁ**, דער וואָס איז מבזבז [שמפזר ממון] זאָל נישט מבזבז זיין מער ווי אַ חומש, [שֶׁמָּא יִצְטָרֵךְ לַבְּרִיּוֹת]. **מַאי קְרָאָה**, פון וועלכן פסוק נעמט מען דאָס, **וְכֹל אֲשֶׁר תִּתֶּן לִי עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ.** [ופרש"י] צוויי עישורים, צוויי עישורים איז אַ חומש.

פון דעם נעמט דער **רמב"ם**[ו] אַז ס'איז אַ מצוה מן המובחר [ליתן] אַ חומש.

און 'מער' זאָל מען נישט געבן, פאַרוואָס, זאָגט די גמרא דילמא יֵעָנִי, טאָמער וועט ער ווערן אַן אָרימאַן, און ער וועט חלילה ווערן אַליין אַ נצרך לבריות, זאָל ער נאָר געבן אַ חומש.

ס'איז דאָ פוסקים וואָס זיי לערנען נישט אַזוי, דער **מבי"ט** אין קרית ספר[ז] זאָגט אַנדערש אַז מ'מעג יאָ [מן התורה], ס'איז אסמכתא [מדרבנן].

על כל פנים שמועסט דאָ דער **רמב"ם** און אין **שלחן ערוך** (יו"ד רמט, א) זאָגט ער דעם שיעור אַ חומש.

## יא

### קושיא ט:

צ"ב לשון הגמרא "המבזבז" אל יבזבז יותר מחומש, והיה לו לומר רק "אל יבזבז יותר מחומש"?

ט) לכאורה וואָס איז דער פשט, וואָס זאָגט ער עפּעס "המבזבז", ווער ס'איז מבזבז, אל יבזבז יותר מחומש, זאָל ער זאָגן "אל יבזבז יותר מחומש", ווייסט מען דאָך שוין.

---

[ה] **בכתובות** (נ.) באושא התקינו המבזבז, אל יבזבז יותר מחומש, שמא יצטרך לבריות. מאי קרא, וְכֹל אֲשֶׁר תִּתֶּן לִי עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ לָךְ (בראשית כח, כב) [פרש"י: שני עישורין הוו להו חומש].

[ו] **ברמב"ם** (מתנות עניים ז, ה) בא העני ושאל די מחסורו, ואין יד הנותן מַשֶּׂגֶת, נותן לו כפי השגת ידו, וכמה, עד חמישית נכסיו מצוה מן המובחר, ואחד מעשרה בנכסיו בינוני, פחות מכאן עין רעה.

[ז] היינו שהרמב"ם פסק (ערכין וחרמין ח, יג) לעולם לא יקדיש אדם ולא יחרים "כל" נכסיו, והעושה כן עובר על דעת הכתוב שהרי הוא אומר [כָּל חֵרֶם אֲשֶׁר יַחֲרִם אִישׁ לַה'] "מִכָּל" אֲשֶׁר לוֹ (ויקרא כז, כח), ולא "כָּל" אֲשֶׁר לוֹ וכו' אלא כל המפזר ממונו בְּמִצְוֹת אל יפזר יותר מחומש. וכתב על זה בספר **קרית ספר** (שם על הרמב"ם, להגאון רבי משה בן יוסף טראני, בעל שו"ת מבי"ט): כל המפזר לא יפזר יותר מחומש וכו' ויש במצות הלכות אלו דברים מדרבנן, סמוכים אלאו דלא תסור.

ווען־מען זאָגט מען [דען] אָן מ'זאָל נישט מבזבז זיין, [נאָר] דעם וואָס ער איז אַ מבזבז, דעם וואָס ער איז נישט קיין מבזבז דעם דאַרף מען גאָרנישט אָנצוזאָגן אל יבזבז יותר מחומש [כי בלאו הכי מעצמו לא ירצה להוסיף וליתן עוד]. וואָס זאָגט ער אַן הקדמה "המבזבז" ווער ס'איז מבזבז זאָל נישט מבזבז זיין יותר מחומש, צו ווען־מען דען [מְצַוִּין כן], איז דאָך איבעריג דער "המבזבז".

יב

## עוד קושיות ודיוקים בפרשת השבוע שמתבאר מתוך המשך הדרשה

קושיא י:

צ"ב למה כתב עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ ולא כתב אֲחַמְּשֶׁנּוּ?

י) [וְכֹל אֲשֶׁר תִּתֶּן לִי עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ לָךְ. צריך ביאור כפל הלשון עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ, דהיה לו לכתוב אֲחַמְּשֶׁנּוּ]. (הקושיא בלשון רבינו אות סט)

יג

קושיא יא:

צריך ביאור כפל הלשון כִּי יָרֵאתִי כִּי אָמַרְתִּי?

יא) [וַיַּעַן יַעֲקֹב וַיֹּאמֶר לְלָבָן כִּי יָרֵאתִי כִּי אָמַרְתִּי פֶּן תִּגְזֹל אֶת בְּנוֹתֶיךָ. צריך ביאור כפל הלשון כִּי יָרֵאתִי כִּי אָמַרְתִּי, ואחד מהם מיותר, דגם בלי זה כוונת הפסוק מובנת, ומה בא להוסיף]. (הקושיא בלשון רבינו אות סג)

יד

קושיא יב:

צריך ביאור הפחד פֶּן תִּגְזֹל אֶת בְּנוֹתֶיךָ, הלא היו כבר גדולים וברשות עצמו?

יב) [כִּי אָמַרְתִּי פֶּן תִּגְזֹל אֶת בְּנוֹתֶיךָ מֵעִמִּי. צריך ביאור ממה היה מפחד שיגזול את בנותיו, והלא כבר היו גדולים וברשות עצמם. ואם חָשַׁשׁ שלבן יסגור אותם במעצר, למה לא התיירא גם על עצמו]. (הקושיא בלשון רבינו אות סד)

טו

# ביאור תקנת אושא: שלא לבזבז יותר מחומש

במדרש פרשת בהר: מעשה ברבי טרפון שחילק רבי עקיבא ממונו לצדקה

ס'איז דאָ אין **שיטה מקובצת** (כתובות נ.) פרעגט ער אַ קשיא, ס'שטייט המבזבז אל יבזבז יותר מחומש.

[וקשה] ס'איז דאָ אַ **מדרש** אין פרשת בהר[ח], רבי טרפון האָט געזאָגט פאַר רבי עקיבא'ן, הייבט אָן דער מדרש אַזוי, ער שטעלט זיך אויפ'ן פסוק (ישעי' נח, יב) **וּבָנוּ מִמְּךָ חָרְבוֹת עוֹלָם**, דער פסוק זאָגט מ'וועט פון דיר אויפבויען די חרבות פון די וועלט, **מוֹסְדֵי דוֹר וָדוֹר**, די יסודות די פעסטונגען פון די דורות.

---

[ח] **במדרש** (ויק"ר לד, טז) **וּבָנוּ מִמְּךָ חָרְבוֹת עוֹלָם** [מוֹסְדֵי דוֹר וָדוֹר תְּקוֹמֵם] (ישעי' נח, יב) **רבי טרפון יהב לרבי** עקיבא שית מאה קונטרין דכסף, אמר ליה אֲזִיל זַבִּין לן חדא אוסיא [שדה] דנהוון לָעִין באורייתא ומתפרנסין מִנֵּהּ, נסב יתהון ופליג יתהון לספרייא ולמתנייא ולאלין דלעין באוריתא. לבתר יומין קם עמיה, אמר ליה זְבַנְתְּ לן לההיא אוסייא דְּאֲמַרִית לך? אמר ליה אין. אמר ליה אית בך מחמי לה לי? אמר ליה אין. נסאתיה וחמאי ליה ספרייא ומתנייא ולאלין דלעין באורייתא. אמר ליה אִית בַּר נַשׁ יָהֵב מַגָּן, אַפּוֹכֵי דִּידֵיהּ הַן הִיא? אמר ליה גבי דוד מלך ישראל דכתיב ביה פִּזַּר נָתַן לָאֶבְיוֹנִים צִדְקָתוֹ עֹמֶדֶת לָעַד (תהלים קיב, ט).

KolSatmar.com

מעשה **ברבי טרפון**, רבי טרפון האָט געזאָגט פאַר רבי עקיבא׳ן זאָלסט מיר קויפן אַ פעלד, זאָל מיר זיך פון דעם מפרנס זיין, מ׳זאָלמיר קאָנען זיצן און לערנען עוסק זיין באורייתא. זאָגט רבי עקיבא גוט. ער האָט רבי עקיבא׳ן געגעבן דאָס געלט, איז געגאַנגען רבי עקיבא ער האָט עס צוטיילט פאַר אָרימעלייט. ווען רבי טרפון האָט אים געפרעגט האָסטו מיר געקויפט דאָס פעלד, [אמר לו] יאָ, נו ווייז מיר וואו איז עס, האָט ער אים געפירט, - ער האָט דאָס געלט אַוועקגעגעבן פאַר די סופרים און מלמדי תינוקות און ער האָט אַהערגעשטעלט תלמידי חכמים, ער האָט עס צוטיילט, פרעגט ער וואו איז דאָס פעלד, - האָט ער אים אַריינגעפירט אין בית המדרש און ער האָט אים געוויזן די אַלע מלמדים, מלמדי תינוקות, דאָס איז דאָס פעלד, אַזוי שטייט אין מדרש פרשת בהר. האָט רבי טרפון געפרעגט: אִית לָךְ עַל מַגָּן [אַפּוֹכֵי דִידֵיהּ הַן הִיא]?, האָט ער אים געענטפערט: פִּזַּר נָתַן לָאֶבְיוֹנִים צִדְקָתוֹ עֹמֶדֶת לָעַד.

אַזוי שטייט אין מדרש.

דער **שיטה מקובצת** לערנט פשט[ט] אִית לָךְ עַל מַגָּן, ער מיינט ״בחנם״ אַז ער האָט געגעבן ער האָט צוטיילט דאָס גאַנצע, ס׳איז מער ווי אַ חומש [ועל יותר מחומש אינו מקבל שכר]. זעט דאָך אויס אַז מ׳מעג יאָ? [כי רבי טרפון נתן יותר מחומש].

## טז
## דעת השיטה מקובצת: דלתלמוד תורה מותר לפזר יותר מחומש

טוט אויף דער שיטה מקובצת אַ חילוק, אַז דאָס וואָס שטייט אל יבזבז יותר מחומש, מיינט מען אויף אַנדערע צְדָקוֹת, [אַזוי ווי] רש״י זאָגט המבזבז ״לעניים״, אָבער אויף **תלמוד תורה** גייט דאָס נישט אָן, **אויף תלמוד תורה וויפיל מ׳גיט איז אַלץ צִדְקָתוֹ עֹמֶדֶת לָעַד**, איז מען מחוייב צו געבן.

אַזוי זאָגט דער שיטה מקובצת.

## יז
**קושיא א׳** על ראיית השיטה מקובצת: דלפי שאר המפרשים במדרש פרשת בהר אינו מוכרח שנתן יותר מחומש

לכאורה פון די ראיה וואָס ער ברענגט דאָרטן [אינו מוכרח, ווייל] דאָרט [במדרש] איז דאָ אַנדערע פשטים אויף דעם עַל מַגָּן.

דער **יפה תואר** זאָגט אַנדערש[י], מ׳טייטשט אַנדערש דעם עַל מַגָּן, ער האָט געפרעגט האָסט מיר נישט געברענגט קיין שְׁטַר פון יענעם, [ולפי פירוש היפה תואר] איז שוין נישט געדרינגען [דנתן יותר מחומש].

---

[ט] **בשיטה מקובצת** (כתובות נ.) וזה לשונו, ומשמע לי דהכי פירושו אית בר נש דיהיב מגן, פירוש שאין לו ונותן כל אשר לו, דהא המבזבז לא יבזבז יותר מחומש. ופירוש ״מגן״ בחנם, כלומר על לא דבר נותן אפוכי דידיה הן היא, פירוש שכרו היכן הוא. ומשני ליה מדכתיב פזר נתן לאביונים וגו׳ פירוש אע״ג דהמבזבז אל יבזבז יותר מחומש, מכל מקום אם עבר ופזר, צדקתו עומדת לעד, פירוש דלעולם יהיה לו ממון כדי לעשות צדקה ולא יחסר לו. ויש לנו לחלק דלא אמרינן הכי [דיכול לפזר יותר מחומש] אלא לתלמוד תורה וכמו שעשה רבי עקיבא, אבל לחלק לעניים לא, וזהו שכתב רש״י ז״ל הכא ״לעניים״.

[י] **ביפה תואר** שם. נראה דרבי טרפון לא הבין כוונת רבי עקיבא תחלה, וסבר שמה שהראהו הסופרים והמשניות, היינו שקנה מהם השדה או שנתן להם המעות בתורת עיסקא וכיוצא כדי שיתפרנס רבי טרפון מאותו הריוח, ואמר לו כי אין אדם נותן מעות בחנם רצה לומר בלי ראיה, ולכן שטר הראיה שעשה על זה היכן הוא. ופירוש אַפּוֹכֵי ״שטר זכרון״.

KolSatmar.com

### יח

קושיא ב' על ראיית השיטה מקובצת: דלפי הגירסת במסכת כלה אין שום רמז שנתן יותר מחומש

אויסערדעם, די מעשה שטייט [אויך] אין מסכת כלה פרק א'[יא], [אבל] אין מסכת כלה שטייט די מעשה אויף אַן אַנדערן נוסח, - אַזוי ווי ס'איז דאָ אַסאַך ספרים מדרשים חלוקים אין חכמינו ז"ל, - דאָרט שטייט אַזוי די מעשה.

רבי עקיבא האָט אָנגעטראָגן פאַר רבי טרפון'ן איך וועל דיר קויפן אַ שטאָט אָדער צוויי, האָט ער געזאָגט יאָ, האָט ער אים געגעבן עפּעס פיר הונדערט - ווייס איך - דינרי זהב, וואָס ס'איז געווען אַ גרויסער בייטראַג [סכום], ער זאָל קויפן די שטאָט. די זעלבע זאַך [כמו בהמדרש פרשת בהר], נאָכדעם איז ער געקומען אַהין צו אים ער האָט אים געפרעגט וואו איז די שטאָט וואָס דו האָסט מיר געקויפט, זאָגט ער יאָ כ'וועל דיר ווייזן, די זעלבע זאַך, ער האָט אים אַריינגעפירט אין בית המדרש און ער האָט אים געוויזן אַ תהלים'ל פִּזַּר נָתַן לָאֶבְיוֹנִים.

דער **נחלת יעקב** ברענגט דאָרטן[יב], ער האָט געהאַט די גירסא [במסכת כלה המובא] אין מנורת המאור, [אַז] ער האָט אים געברענגט אַ "תינוק" האָט עס געליינט, [ומפרש הנחלת יעקב כוונתו] ער זאָל אים ווייזן [לרבי טרפון, אַז] ער האָט מיט דעם אויפגעשטעלט קינדער, קינדער וואָס זיי קענען לערנען, אַזוי שטייט דאָרטן די מעשה. - דאָרט שטייט שוין נישט עַל מַגָן, דאָרט שטייט רבי עקיבא האָט אים אָנגעטראָגן [לרבי טרפון] ווייל ס'איז געווען לפי כוחו [ועשרו][יג].

[וממשיך במס' כלה] דערנאָכדעם ווי ער האָט אים דאָס דערציילט אַז דאָס איז די שטאָט, **עמד רבי טרפון ונשקו על ראשו**, האָט ער אים געקושט און ער האָט אים געזאָגט **רבי בחכמה רבי בדרך ארץ**, דו האָסט מיך אויסגעלערנט, ער האָט אים געדאַנקט, און ער האָט אים צוגעגעבן נאָך געלט אַ דבר הגון.

נו מעיקרא מאי קסבר ולבסוף מאי קסבר.

על כל פנים פון דאָרט זעט אויס פון דער מעשה, אַז די קשיא [של השיטה מקובצת דרואין מרבי עקיבא שהוציא יותר מחומש] איז נישט אפשר קשה אפשר, ווייל

---

[יא] **במסכת כלה** (פרק א, הלכה כא) אמרו עליו על רבי טרפון שהיה עשיר גדול, ולא היה נותן מתנות לאביונים [ומוסיף הגר"א: כראוי], פעם אחת מצאו רבי עקיבא, אמר לו רבי רצונך שאקח לך עיר אחת או שתים, אמר לו הן, מיד עמד רבי טרפון ונתן לו ארבעת אלפים דינרי זהב, נטלו רבי עקיבא וחילקו לעניים, לימים מצאו רבי טרפון, אמר לו, היכן העיירות שלקחת לי, תפסו בידו והוביאו לבית המדרש, והביא ספר תהלים והניחו בפניהם, והיו קורין והולכין עד שהגיעו לפסוק זה, פִּזַּר נָתַן לָאֶבְיוֹנִים צִדְקָתוֹ עֹמֶדֶת לָעַד קַרְנוֹ תָּרוּם בְּכָבוֹד, אמר לו זו העיר שקניתי לך, עמד רבי טרפון ונשקו, אמר לו רבי אלופי, רבי בחכמה, ואלופי בדרך ארץ, והוסיף לו ממון לבזבז.

[יב] **בנחלת יעקב** (על מסכת כלה הנדפס בש"ס, להגאון ר' יעקב בן ברוך נוימבורג, אב"ד ור"מ אופנבאך שבאשכנז, נדפס לראשונה בשנת תקנ"ג) וז"ל, בספר מנורת המאור סימן ק"צ כתב בשם מסכת כלה בזה הלשון, והביאו לבית המדרש והביא תינוק וכו', ונראה לי משום הכי היה רוצה רבי עקיבא שדוקא התינוק יקרא הפסוק, ולמה לא הראה הוא בעצמו את הפסוק, אלא שכוונת רבי עקיבא היה, **להראות שעל ידי המעות שילם שכר מלמדים ללמד עם התינוקות**, ומהממון הזה עשה את כל הכבוד הזה, שזה ללמד בהן כל התינוקות, **כדי שיהא רבי טרפון שָׂמֵחַ על שֶׁמָּעוֹתָיו הצליחו וְעָשָׂה פרי למעלה ושורש למטה, כדי שיתן לב מכאן ולהבא לפזר ממונו לצדקה.**

[יג] במנורת המאור שם כתב, שהיה רבי טרפון עושר גדול ולא היה נותן צדקה לפי עושרו, ורצה רבי עקיבא לכופו לצדקה. וכן איתא **במסכת כלה רבתי** (פרק ב, הלכה יג).

KolSatmar.com

ס׳ווערט נישט געבערענגט אַז ס׳איז געווען ״יותר מכפי כוחו״, אַז ס׳איז געווען מער ווי אַ חומש, ס׳איז נישטאָ קיין זֵכֶר לויט דעם פשט, איז נישט קיין ראיה [לסברת השיטה מקובצת דלתלמוד תורה יתן יותר מחומש].

יט

## יסודות וראיות לדעת השיטה מקובצת

דברי השיטה מקובצת אמת הם, שלתלמוד תורה מותר ליתן יותר מחומש.

נאָר איך מיין אָבער, דעם שיטה מקובצת׳ענס יסוד, וואָס ער זאָגט אַז ביי תלמוד תורה גייט דאָס נישט אָן [ליתן רק עד חומש, אויף תלמוד תורה וויפיל מ׳גיט איז אַלץ צִדְקָתוֹ עֹמֶדֶת לָעַד], דאָס איז געדרינגען ממקומו הוא מוכרע[יד], [ונלמד מן] **צוויי שטאַרקע יסודות**: (להלן (אות מג) מוסיף רבינו יסוד שלישי)

כ

### יסוד ראשון: שהוא הצלה מחורבן כל העיר

על ידי תלמוד תורה מציל כל העיר מחורבן, וְכֹל אֲשֶׁר לָאִישׁ יִתֵּן בְּעַד נַפְשׁוֹ.

טאַקע פון דאַנעט [מהמדרש פרשת בהר, נלמד יסוד הראשון].

קודם דאָס וואָס דער מדרש שטעלט אַראָפּ [כל המעשה] אויף דעם [פסוק] **וּבָנוּ מִמְּךָ חָרְבוֹת עוֹלָם מוֹסְדֵי דוֹר וָדוֹר**, פלאָגט זיך דער **יפה תואר** ווי קומט דער פסוק אַהער[טו]. וויל ער זאָגן ווייל ס׳איז צדקה, ער האָט דאָ געקויפט אַ פעלד, און דאָס איז אויכעט אַזוי, דאָס איז מוסדי דור ודור, אַז דאָס [העניים] זענען די חָרְבוֹת, די איז די חורבות.

דער **מדרש**[טז] ברענגט נאָך צו מער, אַז ער [בעל הצדקה] איז **עוֹמֵד בַּפֶּרֶץ**, האָט דער בורא כל עולמים געזאָגט איך האָב געדאַרפט גודר זיין, [עָמַדְתָּ אַתָּה וְגָדַרְתָּ, חייך שאני מעלה עליך כאותו שכתוב בו לוּלֵי מֹשֶׁה בְחִירוֹ עָמַד בַּפֶּרֶץ לְפָנָיו].

כא

מיין איך אַזוי [ליישב דיוק היפה תואר, מה שייכות פסוק זה לעובדא דרבי עקיבא ורבי טרפון, וגם להביא ראיה לשיטת השיטה מקובצת].

לכאורה ס׳איז אודאי - אַז רבי עקיבא האָט אַזוי געטוהן און ער האָט אַזוי געזאָגט - [הוא] אמת ויציב [דשפיר עביד וכדין עביד], אָבער רבי עקיבא׳ס דיבור איז דאָך געווען געוואויגן, ס׳מוז דאָך זיין דאָך אמת יעדער דיבור [אפילו בלשון בני אדם, ואם כן קשה] ער האָט אים געזאָגט איך גיי דיר קויפן ״אַ שטאָט״, איך קויף דיר אַ שטאָט, [ולבסוף] האָט ער אים געוויזן אַ פאָר ״מלמדים״, אָבער דאָך אַ

---

[יד] השיטה מקובצת הביא ראיה מפירושו על אִית בַּר נַשׁ יָהֵב מַגָּן שרבי עקיבא נתן יותר מחומש לתלמוד תורה, אבל מדברי המדרש פרשת בהר בעצמו יכולים ללמוד זאת.

[טו] **ביפה תואר** שם וז״ל, מייתי הך עובדא הכא, למימר שפירוש וּבָנוּ מִמְּךָ חָרְבוֹת עוֹלָם מוֹסְדֵי דוֹר וָדוֹר תְּקוֹמֵם, שמה שיפרנס העניים חשיב כבונה חָרְבוֹת עוֹלָם ומקים מוֹסְדֵי הדורות, כי הכא שבמקום קניית השדה לקיום פרנסתו חָלַק הממון לעניים.

[טז] **במדרש** (פרשת בהר הנ״ל) ממשיך לפרש המשך הפסוק וּבָנוּ מִמְּךָ וגו׳ **וְקֹרָא לְךָ גֹּדֵר פֶּרֶץ**, רבי אבין בשם רבי ברכיה אמר, אמר הקב״ה הַפִּרְצָה הזו [בעץ יוסף: העניות] עלי היה לגודרה [שהשי״ת נֹתֵן לֶחֶם לְכָל בָּשָׂר], וְעָמַדְתָּ אתה וְגָדַרְתָּ אותה [זה חָטַף לו המצוה]. חייך שאני מעלה עליך כאותו שכתוב בו (תהלים קו, כג) לוּלֵי מֹשֶׁה בְחִירוֹ עָמַד בַּפֶּרֶץ לְפָנָיו [שיחשב כאילו קיים והחיה כל ישראל כמשה שעמד בַּפֶּרֶץ לששים רבוא, לפי שהמקיים נפש אחת מישראל אילו קיים עולם מלא].

KolSatmar.com

שטאָט איז דאָך [משמע עיר כפשוטו], ס'מוז דאָך זיין אמת אפילו בלשון בני אדם, בלשון בני אדם אַז איינער זאָגט איך וועל דיר קויפן אַ שטאָט אָדער צוויי, און איך ווייז אים אָן אַ פּאָר מלמדים האָב איך דיר געקויפט, איז מען אַ שווינדלער, [ויכול לטעון] וואָס הייסט עפּעס איך האָב געגומען געלט אויף אַ שטאָט, איז דאָס דען אַ שטאָט?!, ס'מוז דאָך האָבן פשט די ווערטער אַליין.

### כב
## עִיר שֶׁאֵין בָּהּ תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן מַחְרִיבִין אוֹתָהּ

נאָר איך מיין קאָן זיין ס'האָט פשט, די **גמרא** זאָגט (שבת קיט:), און ס'ווערט גע'פסק'נט אין **רמב"ם** (תלמוד תורה ב, א), **כָּל עִיר שֶׁאֵין בָּהּ תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן**, אַ שטאָט וואָס ס'איז נישטאָ קיין תינוקות של בית רבן, **מַחְרִיבִין אוֹתָהּ**, דאָס מאַכט מען חרוב. איינער, - **רבינא** - זאָגט, **מַחְרִימִין אוֹתָהּ**.

**רש"י** זאָגט פשט, מחרימין איז מער ווי מחריבין, מחריבין [איכא שיור] ס'בלייבט נאָך עפּעס, און מחרימין איז טאַקע רחמנא ליצלן [ליכא שיור].

דער **רמב"ם** לערנט אַנדערש[יז], ער לערנט קודם מחרימין, מ'מאַכט אַ חי"ת רי"ש [על אֲנָשֶׁיהָ], און אַז ס'נוצט נישט מאַכט מען זי חרוב.

### כג
בתוך הסתר אין רואין איך דברי חז"ל מתקיימים, מכל מקום הוא האמת רק שאין רואין זאת להדיא

נאָר ס'איז דאָך אַלדינגס בהסתר, היינט זעט מען דאָך נישט אַלע עונשין מיט אַלע ענינים. אָבער על כל פנים חכמינו ז"ל זאָגן אַזוי עדות, אַלדינגס האָט דאָך פּלאַץ.

קומט דאָך אַרויס, קומט דאָך אויס, אַז [אויב] ס'איז נישטאָ קיין תינוקות של בית רבן איז די שטאָט חלילה מחריבין אותה. און דער דין איז, **עוֹמֵד לִיחָרֵב כְּחָרוּב דָּמִי**, די אַלע זאַכן, איז דאָך עס חרוב.

### כד
על ידי שהצילו ישראל את העולם בקבלת התורה, יכולין ליהנות מעולם הזה

זיי זאָגן דאָך פשט[יח] פאַרוואָס [יכולין ליהנות מעולם הזה, והלא] **יעקב ועשו חָלְקוּ בב' עולמות**[יט] [ויעקב לקח עולם הבא], נו וויאַזוי קאָן יעקב האָבן עולם הזה.

[ומתרצים] ווייל פאַרוואָס, ווייל [קיימא לן (ב"מ כד.)] **המציל מן הנהר ומן הזוטו של ים הרי אלו שלו**, ווען נישט מתן תורה - אַזוי זאָגט דאָך דער **מהר"ש**

---

[יז] **ברמב"ם** (תלמוד תורה ב, א) מושיבין מלמדי תינוקות בכל מדינה ומדינה ובכל פלך ופלך ובכל עיר ועיר, וכל עיר שאין בה תינוקות של בית רבן, מחרימין את אנשי העיר עד שמושיבין מלמדי תינוקות, ואם לא הושיבו מחרימין את העיר, שאין העולם מתקיים אלא בהבל פיהם של תינוקות של בית רבן. **ובכסף משנה** שם מפרש, ברישא מחרימין אנשיה, והדר מחרימין אותה, כלומר מחריבין אותה.

ועיין **ויואל משה** (מאמר לשון הקודש, סימן י) שמבאר רבינו דברי הרמב"ם באריכות.

[יח] מובא **בראש דוד** להחיד"א פרשת תצוה, בשם מהר"ש פרימו (רבינו מזכירו לקמן). עיין **בני יששכר** (חודש סיון, מאמר ב, אות יא).

[יט] **בילקוט שמעוני** (פרשת תולדות, רמז קיא) אמרו, כשהיו יעקב ועשו במעי אמן אמר לו יעקב לעשו, אחי, שני עולמות לפנינו העולם הזה ועולם הבא העולם הזה יש בו אכילה ושתיה ומשא ומתן לישא אשה ולהוליד בנים ובנות, אבל העולם הבא אין בו כל המדות הללו, רצונך טול אתה העולם הזה ואני אטול העולם הבא וכו', אותה שעה נטל עשו חלקו העולם הזה, ויעקב נטל חלקו העולם הבא.

KolSatmar.com

פרימו[כ], ברענגען דאָך אַלע, - ווען נישט מתן תורה העט דאָך געווען **החזיר העולם לתוהו ובוהו** (ע"ז ה.), האָבן זיי [ישראל שקבלו את התורה] דאָך דערהאַלטן די וועלט, האָבן זיי עס קונה געווען, ווייל מ'האָט עס מציל געווען פונעם חורבן.

## כה
## על ידי שמעמידים מלמדי תינוקות מצילין כל העיר

לפי זה קומט אויס אַז מ'שטעלט אַריין מלמדי תינוקות אין דער שטאָט, איז מען דאָך מציל פון חורבן, האָט מען קונה געווען די שטאָט [כמציל מזוטו של ים].

ער [רבי עקיבא] האָט אים [לרבי טרפון] זייער גוט געוויזן, ער האָט אים געזאָגט קום איך וועל דיר קויפן אַ שטאָט, האָט ער געזאָגט וויאַזוי, האָט ער געזאָגט כ'וועל דיר ווייזן, כ'וועל אַריינשטעלן מלמדי תינוקות, האָט ער אים געוויזן דאָס האַלט אויף די שטאָט, וואָרן די גמרא זאָגט דאָך גאָר מחריבין אותה, האָב איך דיר געקויפט אַ שטאָט [שהצלתיה מחורבן], דאָס איז אמת ויציב, איבערדעם האָט ער גוט געזאָגט.

די וואָס זענען מאמינים אין דברי חכמינו ז"ל איז דאָס קלאָרע גראָדע ווערטער, ער האָט אים געקויפט אַ שטאָט.

ער האָט אַהערגעשטעלט מלמדי תינוקות מיט קינדער תינוקות של בית רבן האָט ער אים געקויפט אַ שטאָט.

## כו

איז רעכט וואָס דער מדרש ברענגט אויף דעם דאָס פסוק **וּבָנוּ מִמְּךָ "חָרְבוֹת עוֹלָם" מוֹסְדֵי דוֹר וָדוֹר**, אַז מיט דעם וואָס איך וועל אַרויפשטעלן, מיט דעם וואָס כ'האָב אויפגעשטעלט די מלמדי תינוקות דאָס איז מציל פון "חורבן", און ווידעראום איז דאָס **"מוֹסְדֵי דוֹר וָדוֹר"**, דורך דעם דערהאַלט זיך די דורות.

## כז

על כל פנים אַז ס'איז מציל פון חורבן [העמדת תלמוד תורה, אם כן יש ליתן יותר מחומש, דהרי כתיב] **וְכֹל אֲשֶׁר לָאִישׁ יִתֵּן בְּעַד נַפְשׁוֹ** (איוב ב, ד).

איבערהויפט ביי תלמוד תורה, איז דאָך גאָרנישט פאַרהאַנדן, איז דאָך נישט שייך צו זאָגן אַזויפיל ברויך מען געבן, צי אַזויפיל ברויך מען געבן, אַ זאַך וואָס ס'איז תלוי ס'איז דער יסוד ס'איז מציל פון חורבן איז נישט פאַרהאַנדן, אַז נישט איז דאָך גאָרנישט, אַז דאָס איז נישטאָ איז דאָך גאָרנישט, **וְכֹל אֲשֶׁר לָאִישׁ יִתֵּן בְּעַד נַפְשׁוֹ**. דאָס איז איין יסוד.

## כח
### יסוד השני: שאינו בחשבון הקצוב
על ידי נתינה לתלמוד תורה אינו חסר כלום, כי מוסיפין לו על חשבון הקצוב מראש השנה.

נאָר וואָס דען, ס'איז אָבער דאָ נאָך אַ גרויסער יסוד אַז ס'איז אמת וואָס דער שיטה מקובצת זאָגט, - כאָטשיג ס'איז נישטאָ אין די פוסקים, מ'שמועסט נישט דערפון, - [אף על פי כן] אַז ס'איז אמת וואָס דער שיטה מקובצת זאָגט אַז ביי תלמוד תורה גייט דאָס נישט אָן [הא דלא יבזבז יותר מחומש].

---

[כ] מוה"ר שמואל פרימו אב"ד אדריאנופאל בטערקיי, היה בדור שלפני החיד"א.

KolSatmar.com

## חיוב הוצאה לצורך עונג שבת ויו"ט

ס'שטייט אין **טור** (אין סימן רמ"ב)[כא], ברענגט דער טור, ער איז מסופק געווען, [בדין חיוב הוצאה לעונג שבת ויו"ט], **מ'איז מחוייב בעונג שבת,** [כמבואר בשבת (קיח), ולעומת זה] ס'שטייט [אמר רבי עקיבא] **עֲשֵׂה שַׁבַּתְּךָ חוֹל וְאַל תִּצְטָרֵךְ לַבְּרִיּוֹת.** [והיה מסופק רבינו יעקב בעל הטורים] כגון אני, 'עפּעס' האָט ער, נישט אינגאַנצן, ער מוז צונעמען, ער מוז זיין עפּעס אַ נצרך לבריות, צי איז ער אין כלל [אַז] ער איז מחוייב בעונג שבת, [אף שנצרך לבריות עליו להשיג] נאָכמער, צי איז ער בכלל פון **עֲשֵׂה שַׁבַּתְּךָ חוֹל וְאַל תִּצְטָרֵךְ לַבְּרִיּוֹת** [כמי שאין לו כלל]. ער האָט געפרעגט דעם פאָטער דעם **רא"ש**, און ער האָט אים נישט געזאָגט קיין דָבָר בָּרוּר.

אחר כך האָט ער זיך פושט געווען [מדברי רש"י (אבות פ"ה מ"כ)]. ס'שטייט, (במשנה שם, ובפסחים קיב.) **יְהוּדָה בֶּן תֵּימָא אוֹמֵר הֱוֵי עַז כַּנָּמֵר וְקַל כַּנֶּשֶׁר** און דערנאָכדעם שטייט (בפסחים שם) **עֲשֵׂה שַׁבַּתְּךָ חוֹל**, איז אַ סימן אַז מ'ברויך האָבן התחזקות מ'זאָל זיך מחזק זיין, אפילו מ'איז נישט בכח און מ'איז גאָר עפּעס אַ נצרך לבריות אויך דערפון, מ'האָט נישט אינגאַנצן פון זיינעם, איז מען אויך מחוייב מיטן עונג שבת, [ומה שאמר רבי עקיבא] **עֲשֵׂה שַׁבַּתְּךָ חוֹל וְאַל תִּצְטָרֵךְ לַבְּרִיּוֹת** איז נאָר אַז ס'איז דחוקה לו ביותר.

### כט

ווי דער **טורי זהב** (שם סק"א) גיט צו פאַרשטיין, ער מיינט אַז מ'האָט "גאָרנישט" פון זיינעם [עֲשֵׂה שַׁבַּתְּךָ חוֹל, אָבער] אַז מ'האָט נאָר עפּעס על כל פנים כאָטשיג מ'דאַרף צונעמען [מחוייב בעונג שבת, משא"כ] אַז מ'האָט נישט אינגאַנצן אַז מ'איז אינגאַנצן נצרך לבריות דעמאָלטס [עֲשֵׂה שַׁבַּתְּךָ חוֹל, שפטור מעונג שבת].

און דער **מגן אברהם** (שם סק"ב) זאָגט אויך אַזאַ שטייגער חילוק, אַזוי שטייט, אַזוי זאָגט דער טור, און אַזוי ווערט גע'פסק'נט אין שלחן ערוך.

### ל

**דער טור פירט אויס:** האָט ער מברר געווען אַז יאָ [שאדם כזה מחוייב בעונג שבת]. זאָגט ער צו, דערנאָך פירט ער אויס, **וְאַל יֹאמַר אָדָם אֵיךְ אֶחְסַר פַּרְנָסָתִי** כ'וועל דאָ מְעַנֵּג [זיין ואוציא] אויף עונג שבת, ער האָט דאָך נישט קיין פרנסה, [און] ווייניג פרנסה, זאָגט ער ניין, **כל מזונות של אדם** איז דאָך **קצובין לו מראש השנה ויום הכיפורים**, פון ראש השנה איז אויסגעזעצט יעדנס מזונות חוץ

---

[כא] **בטור** (אורח חיים, סימן רמב) זה לשונו, **וכמה פעמים** נשאתי ונתתי בדבר לפני אדוני אבי [הרא"ש] ז"ל, כמוני היום שיש לי מעט משלי ואינו מספיק לי, וצריך אני לאחרים, אם אני בכלל עשה שבתך חול אם לאו. ולא השיבני דבר ברור.

**אחר כך** מצאתי בפרקי אבות **לרש"י**, שפירש על ההיא משנה דרַבִּי יְהוּדָה בֶּן תֵּימָא אוֹמֵר הֱוֵי עַז כַּנָּמֵר שכתב וז"ל, תיכף לאותה משנה רבי עקיבא אומר עשה שבתך חול שנויה ההיא דבן תימא, לאורויי דרבי עקיבא לא אמר [עשה שבתך חול] אלא למי שהשעה דחוקה לו ביותר, אבל צריך אדם לזרז עצמו כַּנָּמֵר וְכַנֶּשֶׁר לְכַבֵּד שבתות ביותר, עד כאן [פרש"י].

**על כן** צריך כל אדם לצמצם בשאר ימים כדי לכבד השבת.

**ואל יאמר** היאך אחסר פרנסתי, כי אדרבה אם יוסיף יוסיפו לו, כדקתני תחליפא אחוה דרבנאי חוזאה (ביצה טז.), כל פרנסתו של אדם קצובה לו מראש השנה לראש השנה חוץ מהוצאת שבת ויו"ט והוצאת בניו לתלמוד תורה, אם מוסיף יוסיפו לו. ואמרינן נמי גבי הוצאת שבת ויו"ט, אומר הקב"ה בני לוו עלי ואני פורע, וכיון שכן הוא אל ידאג, כי נאמן הוא בעל חובו לפרוע לו חובו, עכ"ל.

KolSatmar.com

מהוצאת שבת, והוצאת בניו לתלמוד תורה, שאם הוסיף מוסיפין לו, מ׳זעצט אויס ראש השנה יעדן וויפיל ער זאָל פאַרדינען דאָס יאָר, ער זאָל האָבן אויף פרנסה, וויפיל ער זאָל פאַרדינען, חוץ די צוויי זאַכן, אויף שבת און תלמוד תורה דאָס זעצט מען נישט אויס, אַז ער גיט פאַר ׳דעם׳ אויס, גיט מען דאָס צו [מן השמים], דאָס איז אויסערן חשבון, דאָס קומט נישט אין חשבון אַריין, אַזוי זאָגט ער, אַזוי ברענגט דער טור צו די גמרא (ביצה טז.).

[עד כאן הטור].

## לא

### מיר איז דאָ קשה געווען אַ זאַך, אין דעם המבזבז אל יבזבז יותר מחומש.

לקיים "מצות עשה" אפילו מצוה עוברת צריך להוציא עד "חומש מנכסיו"

ס׳שטייט דאָך, דאָס איז זעלבע ביי יעדע מצוה נישט נאָר ביי צדקה, אפילו אַ מצוה עוברת, אַזוי ווערט גע׳פסק׳נט ביי ... און ביי אתרוג[כב], ביי די אַלע מצוות, מער ווי אַ חומש ברויך מען נישט אויסצוגעבן.

ליזהר ממצות "לא תעשה" מחויב לבזבז "כל ממונו"

אויף אַ לא תעשה איז מען מחוייב לבזבז כל ממונו מ׳זאָל נישט עובר זיין, אויף אַן עשה איז נאָר דער שיעור ביז אַ חומש.

## לב

בנר חנוכה, וארבע כוסות מחויב להלוות משום פרסומי ניסא

אויסער ביי **חנוכה** שטייט (או״ח סימן תרעא, סעיף א), אפילו ער האָט נישט זאָל ער זיך לייען, ס׳איז געדרינגען פון **ארבע כוסות** (פסחים צט:, ובאו״ח סימן תעב סעיף יג).

אַזוי זאָגט דער **רמב״ם**[כג] [שחייב להלוות], זאָגט דער **הרב המגיד** דער טעם איז ווייל [משום] פרסומי ניסא [ונלמד מארבע כוסות].

איז דאָ דאָ צוויי זאַכן, ווייל וועגן פרסומי ניסא וואָס מ׳דאַרף זיך באָרגן, און ס׳איז נישט קיין חומש, זוכט מען אַ טעם ווייל ס׳איז פרסומי ניסא [אבל בשאר מצות עשה אפילו עוברת אין צריך לבזבז יותר מחומש נכסיו].

## לג

מה נשתנה עשה של עונג שבת שמחויב להוציא עליו כל ממונו?

### פרעג איך מַה נִּשְׁתַּנָּה.

עונג שבת איז דאָך נאָר אַן עשה מדברי קבלה[כד], ס׳שטייט אין פסוק (ישעי׳ נח, יג) **וְקָרָאתָ לַשַּׁבָּת עֹנֶג**, ביי יעדע עשה ברויך מען נאָר געבן ביז צו אַ חומש, און

---

[כב] כן פסק הרמ״א (או״ח סימן תרנו, סעיף א), ומי שאין לו אתרוג, או שאר מצוה עוברת, אין צריך לבזבז עליה הון רב, וכמו שאמרו, המבזבז אל יבזבז יותר מחומש, אפילו מצוה עוברת, (הרא״ש ורבינו ירוחם נ״י ח״ב). ודוקא מצות עשה, אבל לא תעשה יתן כל ממונו קודם שיעבור (הרשב״א וראב״ד)

[כג] **ברמב״ם** (חנוכה ד, יב) מצות נר חנוכה מצוה חביבה היא עד מאד, וצריך אדם להזהר בה כדי להודיע הנס ולהוסיף בשבח הקל והודיה לו על הנסים שעשה לנו, אפילו אין לו מה יאכל אלא מן הצדקה, שואל או מוכר כסותו, ולוקח שמן ונרות ומדליק.

וכתב במגיד משנה נראה שלמדו ממה שנתבאר שאפילו עני שבישראל לא יפחות מארבע כוסות, והטעם משום פרסומי ניסא, וכל שכן בנר חנוכה דעדיף וכו׳.

[כד] כן פסק הרמב״ם (בהל׳ שבת ל, א). ומקורו בגמרא (שבת קיח:).

דאָ אָט אפילו ער דאַרף גאָר עפּעס זיין גאָר אַ שטיקל נצרך לבריות [יש ספק אם צריך להלוות], על כל פנים אַז פון זיינעם איז ער דאָך אודאי מחוייב דאָס גאַנצע אַוועקצוגעבן. נו פאַרוואָס איז דאָס אַנדערש ווי יעדע עשה?

און ווען נישט די מימרא פוּן עֲשֵׂה שַׁבַּתְּךָ חוֹל וְאַל תִּצְטָרֵךְ לַבְּרִיּוֹת העט איך גאָר געוועזן געזאָגט אפילו דחוקה [לו שעתו] ביותר איז מען אויך מחוייב, מַה נִּשְׁתַּנָּה, מוז מען דאָך האָבן אַ פשט וואָס דער חילוק איז פון די עשה צו אַן אַנדערע עשה.

## לד

צ״ב שאלת הטור אֵיךְ אֶחְסַר פַּרְנָסָתִי, דאם מחויב בדבר למה ישאל?

און נאָכדעם [יש להבין] דאָס לשון הטור, ער ברענגט צו **אַל יֹאמַר אָדָם אֵיךְ אֶחְסַר פַּרְנָסָתִי**, לכאורה אַז ער האָט מברר געווען [אַז] אַזוי איז דער דין [שמחויב להוציא על עונג שבת], וואָס דאַרף ער אויספירן וְאַל יֹאמַר אָדָם אֵיךְ אֶחְסַר.

למשל ביי אַ לא תעשה, וועט קיינער נישט זאָגן אֵיךְ אֶחְסַר פַּרְנָסָתִי, די הלכה איז ס׳איז דאָ זאַכן וואָס מ׳איז מחוייב אפילו מוסר נפש צו זיין אויך, [כדילפינן מפסוק (דברים ו, ה)] **וּבְכָל נַפְשְׁךָ** [אפילו הוא נוטל את נפשך (ברכות נד.), וכל שכן שצריך לקיים ובכל מאודך, שלא לעבור על שום לא תעשה], וואָס דאַרף ער דאָס צוגעבן דער טור.

## לה

ביאור דברי הטור אַל יֹאמַר אָדָם אֵיךְ אֶחְסַר פַּרְנָסָתִי

נאָר איך מיין אַז דער טור ברענגט דאָס צו, צו פאַרענטפערן די קשיא (באות לג), דאָ איז דאָך אַ גרויסע קשיא, איבעראָל [קיימא לן] **המבזבז אל יבזבז יותר מחומש**, [ומה נשתנה כאן].

זאָגט ער ניין, אמת, דער טעם איז דאָך [בשאר מצות ווייל] אַז דו וועסט אַוועקגעבן מער ווי אַ חומש, אפשר וועסטו חלילה ווערן אַליין אַן אָרימאַן אַ נצרך לבריות, אָבער וויבאַלד אַז דאָס [עונג שבת] איז אָבער אויסגעזעצט מן השמים אַז טאָמער גיסטו אויס, גיט מען דיר דאָס זיכער צוריק, ביסטו דאָך געזיכערט אַז דו וועסט עס האָבן צוריק, איז גאָרנישט מעגליך אַז מ׳זאָל דורכדעם ווערן אַ נצרך לבריות, פאַלט אַוועק דאָס גאַנצע [סיבה שאמרו אל יבזבז יותר מחומש].

דאַרף איך נישט זאָגן אַ טעם [שמחויב להוציא] וועגן פרסומי ניסא, דאַרף מען נישט קיין טעמים [שהרי לא חסר לו כלום].

איך וויל נישט דאָ מאריך זיין ס׳איז נישט קיין צייט, **תוספות קשיא איז מיט דעם פאַרענטפערט**[כה], איך וויל מיך נישט אַריינלאָזן, ס׳איז נישט קיין זמן פון קיין פלפולים.

---

[כה] אולי כוונת רבינו לתרץ קושית דברי התוספות בהסוגיא שם (ביצה טו: ד״ה לוו), דלכאורה המאמר לְווּ עָלַי וַאֲנִי פּוֹרֵעַ הוא סתירה למאמר עֲשֵׂה שַׁבַּתְּךָ חוֹל וְאַל תִּצְטָרֵךְ לַבְּרִיּוֹת.

ולפי ביאור רבינו לקמן (אות לז ולט) אפשר לומר דרק מי ש׳מבזבז׳ ׳מרכוש עצמו׳ עליו נאמר עשה שבתך חול, אמנם מי שנותן על החשבון השי״ת, שיודע שהוצאת שבת אינם בחשבון כלל ויוסיפו לו הכל, עליו נאמר לוו עלי ואני פורע.

KolSatmar.com

**לו**

על כל פנים איז די צוויי זאַכן [הוצאת שבת והוצאת בניו לתלמוד תורה, שמוסיפין לו על החשבון הקצוב מראש השנה].

**תוספות** זאָגט דאָך (ביצה טז. בד״ה כל) אַז דאָס [שלהוצאות שבת ות״ת מוסיפין] איז געדרינגען פונעם פסוק (נחמי׳ ח, י) כִּי חֶדְוַת ה׳ הִיא מָעֻזְּכֶם, אַז שבת **לָוּוּ עָלַי וַאֲנִי פּוֹרֵעַ** [כו] לערן איך אַרויס פון דאָרט[כז], כִּי חֶדְוַת מיינט מען דעם שבת. און דעם חֶדְוַת מיינט מען [גם] תורה, ווייל פִּקּוּדֵי ה׳ יְשָׁרִים מְשַׂמְּחֵי לֵב (תהלים יט, ט), אַזוי זאָגט תוספות, דאָס איז געדרינגען פונעם פסוק אַז דאָס איז מען נישט קוצב מן השמים, [רק] אם מוסיף מוסיפין לו.

**לז**

היוצא לנו מזה, די גמרא נעמט דאָך דאָס [תלמוד תורה] אינאיינעם מיט שבת, אַזוי ווי ביי שבת איז נישט פאַרהאַנדן קיין חומש, אַזוי ווי דער דין איז, מ׳פרעגט דאָך גאָר די קשיא [למה יוציא יותר מן] אַ חומש, [והתירוץ] פאַרוואָס, ווייל מ׳איז עס מוסיפין לו מן השמים. ממילא איז ביי תלמוד תורה אויך אַזוי, על כל פנים איז ביי תורה, וואָס מ׳איז מוסיף איז מוסיפין לו מן השמים.

[וזהו יסוד השני, שלתלמוד תורה יכולין להוציא יותר מחומש, וכדעת השיטה מקובצת].

**לח**

יהיה איך שיהיה אַז וואָס מ׳גיט אויף תורה, אויף תלמוד תורה, גיט מען נישט פון זיינעם, מ׳גיט פון השם יתברך׳ס.

איינער זאָל זיין קאַרג אויף השם יתברך׳ס קאָנטע?, דאָס איז נישט צו פאַרשטיין!, ער ווייסט אַז וויפיל ער וועט געבן מער, וועט אים השי״ת צוגעבן, ס׳איז אַ קראַנטערע פירמע.

איך הער, אַז דאָס וואָס מ׳קען [געבן באופן] אַז די ״גאָווערמענט״ [הממשלה] רעכנט עס אַריין אין די ״טעקסעס״ [בחשבון המכס], דעמאָלטס גיט מען שוין גיכער. פאַרוואָס?, ווייל מ׳פאַרלאָזט זיך מ׳וועט עס מיר איינרעכענען, איך גיב נישט פון מיינעם.

נו איך מיין דברי חכמינו ז״ל זענען אַזוי קראַנט ווי להבדיל אלף הבדלות דאָס וואָס די ״גאָווערמענט״ זאָגט צו.

און דאָרט [אצל הממשלה] איז עס נאָר מיט אַ מספר [שיכולין לנכות רק עד איזה סכום, אבל] חכמינו ז״ל האָבן געזאָגט אָן אַ צאָל, מ׳דאַרף עס ניטאַמאָל רעכענען, נישט אַזויפיל [או סכום אחר], אָן אַ צאָל איז המוסיף מוסיפין לו.

---

[כו] זלש״ק של רבינו (במסיבה לטובת המקוה טהרה בעיר מאָנטריאַל, מוצש״ק ויקרא תשי״ז) **לָוּוּ עָלַי וַאֲנִי פּוֹרֵעַ**, שטייט ביי שַׁבָּת וכו׳. נו, וויאַזוי הקב״ה באַצאָלט, מ׳איז דאָך נישט זוכה הקב״ה זאָל יעשה אֲרֻבּוֹת מִן הַשָּׁמַיִם, ס׳זאָל פאַלן מָן, מ׳איז נישט זוכה היינט צו אַזאָלעכע נסים נגלים, נו וויאַזוי באַצאָלט הקב״ה?. [והתירוץ] הקב״ה גיט אַריין אין לבבות בני ישראל און מ׳צאָלט אויס די חובות וכו׳, נו ווערט דאָך יעדער אַ שליח פון הקב״ה, און די חובות וואָס הקב״ה וויל באַצאָלן, באַצאָלט ער דורך יענעם, טאָמער באַצאָלט מען האָט מען אַ חלק.

[כז] כפירש״י (טו:) חֶדְוַת ה׳. שמחה שאתם עושים בשביל הקב״ה, הרי הִיא מָעֻזְּכֶם, היא תעזור אתכם לשלם הַקָּפוֹתֵיכֶם וּמִלְווֹתֵיכֶם שֶׁתִּלְווּ בשבילה.

לט

# ביאור הקושיות בפרשת השבוע

### ביאור קושיא ט

"המבזבז" היינו שנותן "מרבוש עצמו" אל יבזבז יותר מחומש, אבל מי שנותן על חשבון השי"ת אינו בחשבון חומש

איבערדעם איז רעכט, איבערדעם שטייט "המבזבז", שטייט נישט סתם אל יבזבז.

אַ מבזבז איז דער וואָס ער גיט פון "זיינעם" איז אַ מבזבז, פון יענעמס איז ער נישט קיין מבזבז, ווייל פון יענעמס קאָן מען באַשטיין צו געבן, דער הייסט דאָך נישט קיין מבזבז, אַ מבזבז איז אַז מ'גיט אַוועק פון "זיינעם".

דאָס זאָגט די גמרא "המבזבז", דער וואָס איז אַ מבזבז, ס'איז טייטש אַז ער גיט פון "זיינעם", פון דעם וואָס ס'איז קצובים לו פון ראש השנה, איז ער דאָך אַ מבזבז, אל יבזבז יותר מחומש.

אָבער דאָס וואָס חכמינו ז"ל האָבן מעיד געווען אַז דאָס איז נישט אַריינגערעכנט, דאָס האָט מען אויסגעלאָזט ... און דאָס וואָס ס'איז דאָס איבעריגע אַז דו גיסט עס אַוועק, גיט מען דאָס צוריק מן השמים, דאָס קומט נישט אונטער דעם חשבון פון קיין חומש, ס'קומט נישט אַריין אונטער דאָס גאַנצן חשבון וואָס מ'זאָגט אל יבזבז יותר מחומש.

מ

### ביאור קושיא ד

רק באופן שבטוח שלא ימצא פסול בזרעו, יכול להיות עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ עד חומש, ובאם לאו כֹּל אֲשֶׁר לָאִישׁ יִתֵּן

היצט איז רעכט [המשך וְהָיָה ה' לִי לֵאלֹקִים לפסוק עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ לָךְ קושיא ד].

יעקב אבינו האָט געזאָגט אִם יִהְיֶה אֱלֹקִים עִמָּדִי וּשְׁמָרַנִי בַּדֶּרֶךְ הַזֶּה וגו' וְהָיָה ה' לִי לֵאלֹקִים, זאָגט רש"י שלא ימצא פסול בזרעי, אַז ס'וועט נישט זיין קיין פסול, כ'וועל זיין געזיכערט אַז ס'איז נישטאָ קיין פסול בזרעי.

וויאַזוי איז מען דאָס געזיכערט, [אם נותנין] אַ געזיכערטן חינוך, מ'שטעלט אַ פונדאַמענט אַ חינוך פאַר קינדער, איך בין געזיכערט זיי בלייבן אין דרך התורה און זיי האַלטן דעם דרך התורה און זיי בלייבן אידן.

ממילא אַז דאָס איז שוין געזיכערט, נאָך דעם האָט ער געזאָגט וְכֹל אֲשֶׁר תִּתֶּן לִי "עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ לָךְ", דעמאָלטס וועל איך געבן צוויי עישורים, וועל איך געבן [רק] אַ חומש.

אָבער אַן הקדמה האָט ער געשטעלט, ווען איך ווייס שוין זיכער שלא ימצא פסול בזרעי [רק אז יתן עד חומש, אבל] ווילאַנג מ'דאַרף זיך נאָך באַוואָרענען שלא ימצא פסול בזרעו, מ'זאָל אַהערשטעלן דורות, מ'דאַרף אַהערשטעלן קינדער זאָלן בלייבן אידן, ס'זאָל נישט זיין קיין פגם אין די דורות, אויף דעם איז נישט געווען קיין שמועס קיין רעדע ער זאָל זאָגן עשר אעשרנו פון אַ שיעור פון מעשר צי אַ חומש, וואָרן וְכֹל אֲשֶׁר לָאִישׁ יִתֵּן בְּעַד נַפְשׁוֹ, דאָס איז מען מחוייב צו געבן.

### מא

**וַיִּירָא וַיֹּאמַר: יעקב אבינו פָּחַד שלבן הארמי יציע לו פשרות בעניני חינוך**

איך וועל גיין דאָ צוריק [לבאר ענין שלא ימצא פסול בזרעו].

יעקב אבינו האָט זיך געוואָלט דאָ זיכערן, ס׳זאָל זיין שלא ימצא פסול בזרעו, ס׳איז געווען דער פחד זייער גרויס, ער איז געוואוינט געווען ער איז געווען נעבן יצחק אבינו און נעבן אברהם אבינו, און מ׳האָט איינגעפלאַנצט אַ פונדאַמענט פון תורה און פון אידישקייט.

האָט ער געוואוסט ער קומט אויף אַ ניי פּלאַץ, אויף דעם פּלאַץ וואָס לבן הארמי איז געווען דער פירער, איינגעפלאַנצט מיט די מדות מיט דעם דרך [של לבן, און אַז] **ער וועט אָנהייבן צו פירן** [באופן] **ער זאָל שוין באַוואָרענען די קינדער, ער זאָל שוין מאַכן עפּעס אַ חינוך אויף דעם פּלאַץ, אָנהייבן אויפאַמאָל, וועט מען אים אָנטראָגן עפּעס אַ פְּשָׁר,** [וויטענו לו אַז] **מוז ער דאָך עפּעס קוקן אויפ׳ן מקום, וועט מען זיך עפּעס נאָכריקן נאָך דעם פּלאַץ.**

**עפּעס אַז מ׳וועט זיך חלילה נאָכריקן האָט ער געוואוסט איז שוין נישט גוט.** (ההמשך להלן באות מד)

### מב

**אַזוי ווי ס׳איז נעבעך, אַזוי ווי מ׳האָט געזען, דאָ אין דער מדינה, אַז ס׳האָט זיך אַלעס געריקט, ווי שווער ס׳ווערט אויפגעהאַלטן אַ שטיקל אידישער חינוך, אַן אמת׳דיגער אידישער חינוך.** (ההמשך להלן באות נג)

### מג

**יסוד שלישי:**

ליתן להתלמוד תורה יותר מחומש - משום פרסומי ניסא

איך וועל זאָגן אינאיינוועגס, וועל איך זאָגן דאָ נאָך אַ טעם.

אויסערדעם וואָס כ׳האָב דאָך געשמועסט על פי הלכה אַז ביי תלמוד תורה איז נישטאָ דער חשבון [של בזבוז יותר מחומש], איך מיין ס׳איז דאָ אפשר נאָך אַ טעם אויך.

וואָרן **פרסומי ניסא** שטייט דאָך אַז מ׳דאַרף געבן דאָס גאַנצע פאַרמעגן אפילו מ׳האָט נישט [כדלעיל (אות לא) לענין נר חנוכה וארבע כוסות].

**איך מיין אינמיטן אַמעריקע קיין עין הרע, אַזוי ווי מ׳זעט אַזאַ גאַטונג חינוך** קרוב צו צוועלף הונדערט קינדער, און מ׳האָט אָנגעהויבן ביי גאָרנישט, אין די פּאָר יאָר, **אַז דאָס קען זיך אויפהאַלטן** פון אידן **וואָס זיי האָבן זיך געפלאָגט** זיי זענען ניצול געוואָרן, **מ׳קומט אַרויס פון די לאַגערס.**

אין הכי נמי מ׳ווייסט טאַקע דעם אמת אַז מ׳דאַרף געבן איבערן כח [יותר מיכלתו], דאָס רעכנט מען נישט אַריין [בחשבון הקצוב], אָבער ביז דערווייל קומט

עס אָן שווער, דאָך איז דאָ אַ כח היצר דערויף, - אַז מ'האַלט דאָס אויס, דאָס דאַרף איך דאָך נישט צו זאָגן [שזה כמעשה נסים].

בכלל דעם מהות פון די מדינה, **בעצם די מדינה זענען דאָך געגנערס דערפאַר**, אַזוי ווי דער אמת איז, איך דאַרף דאָך נישט זאָגן, איך דאַרף נישט קיין סאַך מאריך זיין אין דעם, **און אַז דאָס קען זיך דערהאַלטן דאָס איז "פרסומי ניסא", דאַכט זיך מיר דאָס אַליין איז אַ נס**, וואָרן איך העט מיר אויך נישט געוועןן אויסגעמאָלן.

איך זאָג פון איין זייט איז מיר נאָר לייכטער, [כי הגם] ס'ווערט דאָך גרעסער די הוצאה, מ'קאָן פאַרשטיין אויפאַמאָל אַז אין אַ פּאָר קורצע יאָרן - קיין עין הרע - ס'כאַפּט אויף און ס'ווערט גרעסער די הוצאות וואָס מ'ברויך האָבן, ס'קומט אַריין, אין די מאה אלפים [דאָלער] וואַקסט עס, וואָס דאָס ברויך האָבן, און ווי גרעסער אַלץ דער דעפיציט[כח] פון יאָר צו יאָר.

**נאָר וואָס דען, איך האָב תחילת אַזויפיל אויך נישט געוועןן אויסגעמאָלן, און דער אייבירשטער האָט געהאָלפן, האָף איך אַז דער אייבירשטער וועט ווייטער העלפן.**

אָבער על כל פנים ווען מ'פרעגט דאָס עמיצן פאָראויס, וועט ער זאָגן **דאָס קאָן נאָר געשען בדרך נס.**

**איך מיין אַז מ'האַלט דאָס אויף איז אויך פרסומי ניסא**, [ואם כן] **פאַר פרסומי ניסא מעג מען אויך אַוועקגעבן אַלעס**, ס'שטייט דאָך אַזוי אַרויס, אַזוי ווי ביי נר חנוכה, דאָס איז אויך אַ פרסומי ניסא.

**מד**

המשך ביאור קושיא ד

נאָר לאָמיר זען, וועלמיר דאָ צוריק קומען, יעקב אבינו האָט דאָ מורא געהאַט, איך וועל דאָ קומען אין אַ מדינה [שֶׁלָּבָן הוא המנהיג] וועט מען זיך אַביסל מוזן נאָכריקן, אַביסל אַנדערש, האָט ער זיך זייער געפאָרכטן [שלא ימצא פסול בזרעו].

**מה**

**ביאור קושיא א:**

הַבְּאֵר מרמזת להשפעת הקדושה, שמשם היו שומעין את התורה, ומשם היו שואבים רוח הקודש.

קודם זאָגט דער פרקי דרבי אליעזר [בענין הַבְּאֵר שהיתה מהלכת לפניו]. **דער בְּאֵר** דרש'נט דאָך דער מדרש[כט] זה בית הכנסת, [זה] בית המקדש, **דער בְּאֵר האָט דאָך געוויזן דאָס איז דאָך געוועןן דער שורש, וואָס דאָרט האָט מען געשעפּט**

---

[כח] החסרון שנשאר לאחר ההכנסות.

[כט] **במדרש** (בר"ר ע, ח) **דבר אחר, וַיַּרְא וְהִנֵּה בְאֵר בַּשָּׂדֶה, זה בית הכנסת, וְהִנֵּה שָׁם שְׁלֹשָׁה עֶדְרֵי צֹאן, אלו** שלשה קרואים, כִּי מִן הַבְּאֵר הַהִוא יַשְׁקוּ הָעֲדָרִים, שמשם היו שומעים את התורה, וְהָאֶבֶן גְּדֹלָה, זה יצר הרע, וְנֶאֶסְפוּ שָׁמָּה כָל הָעֲדָרִים, זה הציבור, וְגָלְלוּ אֶת הָאֶבֶן, שמשם היו שומעין את התורה, וְהֵשִׁיבוּ אֶת הָאֶבֶן עַל פִּי הַבְּאֵר לִמְקֹמָהּ, שכיון שהם יוצאים להם יצר הרע חוזר למקומו. - דבר אחר, וְהִנֵּה בְאֵר בַּשָּׂדֶה זו ציון, וְהִנֵּה שָׁם שְׁלֹשָׁה עֶדְרֵי צֹאן, אלו שלשה רגלים, כִּי מִן הַבְּאֵר הַהִוא יַשְׁקוּ, שמשם היו שואבים רוח הקודש, וְהָאֶבֶן גְּדֹלָה, זו שמחת בית השואבה, אמר רבי הושעיא למה היו קוראים אותו בית השואבה שמשם היו שואבים רוח הקודש וכו'.

קדושה, די תורה, דעם חינוך, דער מדרש טייטשט דאָך אַזוי אויס וְהִנֵּה בְאֵר בַּשָּׂדֶה.

מו

און דער רמב"ן זאָגט (תולדות כו כ, ויצא כט ב) די בְּאֵרוֹת זענען די השפעות וואָס זיי האָבן געשעפּט, ס'איז געווען מיט אבימלך'ן געהאַט, געהאַט כסדר זיי האָבן זיי פאַרשטאָפּט די בְּאֵרוֹת און מ'האָט עס נאָכאַמאָל געמאַכט, די תורה הקדושה איז אַזוי מאריך אין די בְּאֵרוֹת, פון דאָרט האָבן זיי געשעפּט זייער קדושה.

מז

## יעקב אבינו רצה להמשיך כוחות הקדושה מאבותיו הקדושים

יעקב אבינו [נתיירא ואמר] איך וועל דאָ קומען אַהין קיין חרן [אצל] לבן הארמי [אֵיךְ אֲגַדֵּל את בני], **איך וויל נאָר שעפּן פון די קוועלער וואָס ער האָט געשעפּט נעבן פאָטער**, איך וויל מיך נישט שטעלן אין ערגעץ.

דער בורא כל עולמים האָט אים געהאָלפן [אַז] די ברין וואָס זענען געווען דאָרטן נעבן פאָטער וואָס ער האָט פון דאָרטן געשעפּט די קדושה מיט דעם גידול בנים און דעם דרך, די ברין איז מיט אים מיטגעגאַנגען ביז אַהין, ער איז געקומען קיין חרן האָט ער נאָך געהאַט פון די זעלבע ברין, פון דאָרט האָט ער געשעפּט וואו ער האָט פריער געשעפּט, ער האָט נישט געוואָלט שעפּן פון ערגעץ אַנדערש.

דאָס איז דער פשט אַז די בְּאֵר איז מיט אים מיטגעגאַנגען, ער האָט דאָרטן געטראָפן די זעלבע קוועלע דאָרט אריבערגעפירט.

מח

**ביאור קושיא ב וקושיא ג:**

פָּנָה הוֹדָהּ פָּנָה זִיוָהּ הכוונה שכל הכוחות של כל האבות הקדושים לקח עמו, ובאמת נשארו גם שם.

דאָס מיינט ער פָּנָה הוֹדָהּ פָּנָה זִיוָהּ.

ס'איז אַ גרויסע רבותא [שצריך להודיע דוקא אצל יעקב, ומיושב קושית ג].

מ'מיינט נישט אַז ס'איז דאָרט [אצל יצחק אבינו] נישט געבליבן, נאָר [הכוונה] ס'איז מיט אים מיטגעגאַנגען, די אַלע דער גאַנצער הוד און זיו דאָס וואָס ער איז געווען נעבן פאָטער האָט ער עס מיט זיך מיטגענומען. [ומיושב קושית ב]

**דאָס איז געווען אַ כח דער בורא כל עולמים האָט אים געהאָלפן, ווייל ער האָט זיך פאַר דעם געפאָרכטן.**

מט

## ביאור הדיוקים בפסוק אָכֵן יֵשׁ ה':

**ביאור קושיא ז:**

יש בחינת "קפיצת הדרך" שמקום הקדושה בא למקומו

איבערדעם האָט מען אים געוויזן היצט איינמאָל, אַז קפיצת הארץ איז געווען [כדעת רש"י, שנעקר הר המוריה ובא למקומו, להורות כי] ער איז צוגעקומען אויף דעם פלאַץ וואו ס'איז די מקורות הקדושה.

KolSatmar.com

וואָרן נישט אַלעמאָל קען מען דאָך צוקומען אַהין.

[אמנם] **ס'איז פאַרהאַנדן אַז דער בורא כל עולמים העלפט סייעתא דשמיא אַז ס'קומט פון דאָרט אַהער, ביי דעם וועג וואו ער האָט זיך אַזוי געפּאָרכטן ער וועט דאָרט קומען, אַהין אויף דעם פּלאַץ ביי לבן'ן, וויאַזוי וועט ער דאָ מייסד זיין אַ יסוד פון קדושה, האָט מען אים געוויזן** [אַז] **ס'איז דאָ אַזאַ "קפיצת הארץ" אויכעט**, [שנעקר "מקום הקדושה" ובא למקום אחר שהוא שם, ולהורות כי בכל מקום יתהלך הבאר ומקור הקדושה לפניו].

## נ
## ביאור קושיא ה

כח זה שיכולין להמשיך "קדושת המקום" למקום שנמצא, זאת היתה "חדשות" אצל יעקב אבינו

**אַז דער הר המוריה איז אַהינגעקומען דאָרט וואו ער איז געווען, ער האָט דאָרט געשעפּט די קדושה** [מהר המוריה, ומהבאר, במקום שהוא שם], **אויף דעם האָט ער זיך שוין נישט גערעכט, ער האָט געוואוסט** [עד עתה] **אַז מ'וויל שעפּן די קדושה מוז מען גיין אַהין** [למקום הקדושה].

[ולכן] **האָט ער געזאָגט אָכֵן יֵשׁ ה' "בַּמָּקוֹם הַזֶּה"**, [היינו במקום שאני כאן] **?, אפילו** [דאָ] **?, דאָס איז דאָך די רבותא, ס'איז דאָך נישט געווען דאָס פּלאַץ פון הר המוריה, דאָס** [במקום הר המוריה] **איז ביי אים נישט געווען קיין רבותא, נאָר "בַּמָּקוֹם הַזֶּה" איז וְאָנֹכִי לֹא יָדָעְתִּי, דאָס האָב איך נישט געוואוסט, דאָס האָב איך מיר נישט פאָרגעשטעלט, דאָס האָב איך מיר נישט געגלייבט.**

## נא
## ביאור קושיא ו:

אֵין זֶה, שדרך הקדושה לא יתקיים, רק באופן כִּי אִם בֵּית אֱלֹקִים, שאין בו שום תערובת דברים אחרים

**אָבער וַיִּירָא וַיֹּאמַר, דאָס וועט אָבער נאָר אויסהאַלטן, אֵין זֶה אַז כ'וועל נישט אַריינמישן עפּעס אַנדערש, אֵין זֶה כִּי אִם בֵּית אֱלֹקִים, אַז כ'וועל וויסן** [שאין בו שום תערובות], **טאָמער וועל איך עפּעס ווען אַריינמישן פון דאַנעט פון דאָ** [ממקום שנמצא שם אצל לבן] **וועט עס ווייטער נישט אויסהאַלטן, ...** [ורק באופן זה יכול לחנך את בניו, כשהוא] **כִּי אִם בֵּית אֱלֹקִים.**

## נב
## ביאור קושיא ח:

וְהָאֶבֶן הַזֹּאת: התכוון לקבוע "מקום" אבותיו, שלא לנטות כלל אחר המקום שבא לשם

**איבערדעם האָט ער געזאָגט וְהָאֶבֶן הַזֹּאת** [דלכאורה מה בא למעט בזֹאת].

[אמנם] **ער האָט דאָרטן געפּלאַנצט דאָס "מקום", הקובע מקום לתפלתו אלקי אביו בעזרו** (ברכות ו:), **ס'איז געבליבן, האָט ער געזאָגט מיט דעם פּלאַץ וויל איך גיין כסדר, הַזֹּאת אַ מיעוט, נאָר דאָס, איך וויל נישט אַריינמישן איך וויל מיך נישט בייגן וואו מ'קומט אויף אַ מקום.**

נג

# תיאור מצב היהדות באַמעריקע

יש פחד גדול, איך נתקיים כאן במדינת אמעריקע?

איבערדעם איז דאָך דאָס.

בעונותינו הרבים, ס'איז געוואָרן דער ביטערער חורבן אויף די וועלט, מ'האָט פאַרטריבן אידן גולה אחר גולה, אידן האָבן מיטגעמאַכט, מ'האָט זיך געפּלאָגט, מ'איז געווען אין די אַלע גלות'ער אין די אַלע לאַגערס, מ'האָט מיטגעמאַכט, און דער בורא כל עולמים האָט געהאָלפן מ'איז געקומען אַהער, איז דאָך דער פחד זייער גרויס, וַיִּירָא וַיֹּאמַר, וויאַזוי וועט מען דאָ עפּעס אויפטוהן? מ'זאָל זיך דערזעהן [עם העמדת חינוך של קדושה].

דאָס איז דער גרעסטער כח, אַז מ'האָט די זכיה אַז דער בורא כל עולמים העלפט 'דאָך', אַז מ'זעט ס'איז אַ מציאות מ'האַלט אויף, ס'איז אַ מציאות.

ווי גרויס די שוועריקייטן זענען, ווי גרויס די מורא איז, און ווי שווער די אַרבעט איז, איז מען מחוייב דאָס אויפצושטעלן [מוסדות החינוך], דאָס וועט מציל זיין פונעם חורבן.

נד

## טעם שבני ישראל היו עבדים במצרים ועבדו עמהם בְּפָרֶךְ

איך וויל דאָ זאָגן, ס'איז דאָך אַלעס נסיונות.

ס'שטייט אין זוהר הקדוש[ל] פאַרוואָס דער בורא כל עולמים האָט געפירט אַז אידן זענען געווען אין מצרים אַזוי בְּשָׁפָל אַזוי פאַרשקלאַפט בְּחֹמֶר וּבִלְבֵנִים.

זאָגט דער זוהר הקדוש, ווייל מ'האָט זייער מורא געהאַט, מ'האָט נישט געוואָלט, מ'זאָל זיך נישט חלילה אויסמישן מיט די מצריים.

חס ושלום ווען ס'געשעט, ס'ווערט אויסגעמישט, העט מען נישט געווען געקאָנט מקבל זיין די תורה, די תורה הקדושה האָט מען געקוקט (זוה"ק שמות ד.) בְּנֵי יִשְׂרָאֵל עָאלוּ וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל נָפְקוּ, אַז ס'איז ריין, טאָמער וועט חלילה זיין אַריינגעמישט פון אַן אַנדערע אומה, העט נישט קיין מציאות גיווען ס'זאָל אַראָפּקומען אַזאַ'ן אור, האָט מען מורא געהאַט [שלא יתערבו], האָט דער בורא כל עולמים געפירט זיי זענען געווען אַזוי פאַרשקלאַפט, ס'איז גאָרנישט מעגליך געווען מ'זאָל זיך אויסמישן.

דער זוהר הקדוש זאָגט דאָס לשון, דִּכְרִין מָאסָן בְּהוֹן נוּקְבִין גָּעֲלָן בְּהוֹן, סיי זייערע זכרים און זייערע נקיבות [של המצריים], האָבן זיך גע'מיאוס'ט פאַר זיי, ס'איז אַזאַ גרויס שפלות, מ'האָט זיך פאַר זיי גע'מיאוס'ט, און דאָס האָט אַרויסגעהאָלפן אַז מ'האָט זיך נישט אויסגעמישט. אַזוי שטייט אין זוהר הקדוש.

---

[ל] בזוהר הקדוש (שמות טו:). קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אָמַר, דִּילְמָא חַס וְשָׁלוֹם יִתְעָרְבוּן בִּשְׁאָר עַמְמִין וכו' מַה עָבֵד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, טִלְטֵל לְכֻלְּהוּ עַד דְּנַחְתּוּ לְמִצְרַיִם, לְמֵידָר דִּיוּרֵיהוֹן בְּעַם קְשֵׁי קְדָל, וּמְבַזִּין לְהוֹן לְאִתְחַתְּנָא בְּהוּ, וּלְאִתְעָרְבָא בַּהֲדַיְיהוּ, וַחֲשִׁיבוּ לְהוֹן עַבְדִּין. גּוּבְרִין גָּעֲלָן בְּהוֹן, נוּקְבְתָא גָּעֲלָן בְּהוֹן, עַד דְּאִשְׁתַּכְלַל כֹּלָּא בְּזַרְעָא קַדִּישָׁא וכו'. וְכַד נָפְקוּ, נָפְקוּ זַכָּאִין קַדִּישִׁין, דִּכְתִיב (תהלים קכב, ד) שִׁבְטֵי קָהּ עֵדוּת לְיִשְׂרָאֵל.

**נה**

אַ פלא דער זיידע זכרונו לברכה אין **ישמח משה**[לא] זאָגט עס קודם מכח סברא, און דערנאָך זאָגט ער שוב מצאתי אַז ס׳שטייט גאָר אַרויס אין זוהר הקדוש, והנאני.

זעט אויס ס׳איז ביי אים געווען אַ סברא פשוטה, דערנאָך האָט ער געזען ס׳שטייט אַרויס אין זוהר הקדוש.

**נו**

## טעם ירידת הדורות, שרוצים להתדמות ולהתערב עם אנשי המדינה

בעוונינו הרבים דאָס זעט מען בחוש, טאַקע דאָ אין די מדינה.

איך זע נישט גאָר אַסאַך פון די פון דרויסנדיגע, מ׳האָט מיט מיר נישט אַזאַ שייכות. נאָר פון דעם ביסל וואָס ס׳קומט אַמאָל אַריין, ממש קען מען זאָגן מעשים בכל יום, ס׳איז רוב בקשות דאָ אין אַמעריקע, קומען אַריין אידן און וויינען מיט בלוטיגע טרערן, מ׳האָמיר געהאַלטן דאָס קינד אין די בעסטע ישיבות, דעם בעסטן חינוך האָמיר אים געגעבן, און ער האָט זיך אויפגעפירט ווי מ׳ברויך, פלוצים זענען זיי געוואויר געוואָרן ל״ע רחמנא ליצלן, ער איז ל״ע מיט אַן ערלית, מעשים בכל יום הער איך דאָס, מ׳דאַרף דאָס נישט צו זאָגן, איך הער דאָס כסדר, זיי פרעגן מיך קשיות פאַרוואָס, כ׳האָב מיך אַזוי געפלאָגט פאַר דעם קינד.

מ׳קומט אַריין איינער ווידער מיט אַ טאָכטער דאָס זעלבע, כ׳האָב זי געהאַלטן אין די בעסטע פלעצער אין ״בית יעקב״, פלוצים איז דאָס געשען.

מ׳קען זיי גאָרנישט ענטפערן.

**און דער אמת פאַרוואָס איז עס געשען**, דער טאַטע טוט טאַקע וואָס ער קען, און ער לערנט גאַנץ גוט אין די ישיבה, אין די ישיבה איז מען אים מדריך אויפ׳ן גוטן וועג, **ער גייט דאָך אָבער אויף ׳די גאַס׳**, און אפשר גאָר אין די ׳מאָווי׳ אויכעט וכדומה, אַנשפרעכן ענטשפּרעכט ער אויף אַלדינגס.

דאָס וואָס דער זוהר הקדוש זאָגט דִּכְרִין מָאַסָן און נוּקְבִין גָּעֲלָן דאָס געשעט נישט, דאָס איינע געשעט שוין נישט, זיי ווילן ניטאַמאָל דאָס האָבן, די עלטערן, דער פאָטער וויל ניטאַמאָל, **ער וויל ער זאָל זיין צו פולקאָמען פאַר יעדן, ער זאָל ענטשפּרעכן און ער זאָל אַזוי אויסזען**, וואָרן והראיה אַז מ׳קוקט אָן אַזאַ געשטעל [כמונו], מ׳קוקט אָן די ישיבה **אינגלעך מיט פיאות** אַזוי ווי

[לא] **בישמח משה** (ריש פרשת בא, אופן ז) וז״ל, ואף אני אענה חלקי על פי תשובת מהרי״ט דעשו אין לו זרע לירש אותו, דבנך הבא מן הנכרית קרוי בנה (יבמות יז.), אבל אנחנו בני אברהם יצחק ויעקב, זוכים בארץ מכח ירושת אבותינו, עיין שם. והנה השבטים גיירו הנשים שנשאו, והנה אחר כך כשנתרחקו מן השורש ונתרבו הימים והם בארץ לא להם, היו נטמעין בין האומות בחיתון בלי גירות, וחס ושלום היה נאבד זרע ישראל לגמרי, דבנך הבא מן הנכרית הוא, לכך העבודה והעינוי היה בהכרח באופן שלא היה האחד מהאומות רוצה להתחתן בהם, והתחתנו זה בזה, כן נראה לי לטעם נכון מאד. שוב ראיתי שכיוונתי לדעת רבי אלעזר בן רבי שמעון שאמר בפירוש טעם זה כמבואר בזוהר הקדוש פרשת שמות וכו׳, עיין שם, ותהלה לקל נחני בדרך אמת.

ועיין **בישמח משה** (תולדות עה״פ וידו אוחזת, אופן ד), כי באמת בזמן הגלות היא טובה גדולה שישראל הם שפלים נבזים ובזוים כעפר הנדרס, דאם לא כן חס ושלום וַיִּתְעָרְבוּ בַגּוֹיִם (תהלים קו, לה) וכו׳.

KolSatmar.com

ס׳איז, פאַרקערט, ליידער דאַרף איך דאָך נישט רעכענען [שאין זה מוצא חן בעיניהם ומרגיזין על זה].

דאָס איז זעירון אינון, וואָס זענען נהנה דערפון און זענען מסכים דערצו, **רובא דרובא קאָנען דאָך דאָס נישט סובל זיין**, איך דאַרף דאָך נישט אויסרעכענען, ס׳איז אַזוי דאָ אין אַמעריקע.

נאָר וואָס׳זשע דען, מיט דעם איינעם איז מען באַוואָרנט, **מיט דעם איינעם איז מען באַוואָרנט אַז מ׳גייט אויפ׳ן אַלטן נוסח.**

הגם איך וויל נישט זאָגן, ברוך השם ס׳האַלט נישט ביי דעם, מ׳דאַרף נישט אויסרעכענען, ס׳קאָן יעדערער זען ביי אונז אין די ישיבה, די סומע [מספר התלמידים] קאָן יעדער זען ס׳איז ברוך השם כולם אהובים כולם ברורים, אַזוי ווי מ׳רעכנט אויס ס׳איז נישט ׳די׳ חששות, אָבער דאָ אין אַמעריקע מ׳קען דאָך נישט וויסן, **באַוואָרנט איז מען** [רק] **מיט דעם, אַז מ׳קען נישט האָבן די געזעלשאַפט** [עם הגוים], **מ׳קען זיך נישט צוזאַמקומען.**

עקסטער דעם איך גיי ווייטער, דער עיקר איז דעך דאָך דאָס, וואָרן דאָס [שנטמעין באומות ר"ל] איז דאָך שוין גאָר ווייט, דער באַשעפער זאָל שומר ומציל זיין. אָבער [כאן באמעריקע] דאָס אַרגסטע קען דאָ פאָרקומען.

עקסטער דעם מ׳זאָל בלייבן טאַקע ביי אידישקייט אויפ׳ן אַלטן דרך, דאָס איז דאָס געזיכערטסטע.

נז

## במצרים לא שָׂנְאוּ כל כך יראי חטא כמו היום

איך האָב נאָר געזאָגט איין זאַך, מ׳זעט עפּעס ס׳איז דעמאָלט [בגלות מצרים] נישט אַזוי שלעכט געווען ׳די וועלט׳.

וואָרן די גמרא זאָגט (סנהדרין צז.) בעיקבא דמשיחא **יִרְאֵי חֵטְא יִמָּאֲסוּ**, יראי חטא וועלן זיין נמאס ביי ׳די וועלט׳[לב], אפילו ביי אידן, און סר מרע - ביי ׳די וועלט׳ מיינט מען דאָך נישט גוים - **סָר מֵרָע מִשְׁתּוֹלֵל עַל הַבְּרִיּוֹת.**

אין מצרים, אַז מ׳האָט געוואָלט מ׳זאָל זיין נמאס ביי זיי האָט מען זיי געמוזט "פאַרשקלאַפן". [ואילו היה אז מצב של יִרְאֵי חֵטְא יִמָּאֲסוּ אז לא היה צורך לשעבדם בעבודה קשה] ס׳העט גענוג געווען אַז מ׳איז אַ יְרֵא חֵטְא, איז מען דאָך שוין מָאוּס [ההמשך לקמן (אות ס)].

נח

## היום ממאסים גם את מי ש"חושדים" אותו שהוא ירא חטא

דער אמת היינט איז מען נמאס אפילו מ׳איז נישט קיין יְרֵא חֵטְא, אַז יענער איז נאָר "חושד" טאָמער איז מען אַן ערליכער איד, האָט מען אים שוין פיינט, איז מען שוין נמאס.

איך דאַרף ניטאַמאָל זאָגן, איך זאָג עס כסדר ס׳איז אַ "שנאת חנם" [שבאמת הוא אינו ירא חטא כל כך].

---

[לב] כן פירש רש"י שם וז"ל, וְסָר מֵרָע מִשְׁתּוֹלֵל עַל הַבְּרִיּוֹת, כל העולם אומרין עליו שוטה הוא.

KolSatmar.com

נט

## מי שהוא "אַנטי ציוניסט" הוא בזוי ומבוזה בעיניהם

ווער שמועסט נאָך אַז מ'איז גאָר אַן "אַנטי ציוניסט", אַז מ'וויל גאָר האָבן אַז ארץ ישראל זאָל אויך זיין על פי התורה, דער איז דאָך שוין אודאי אַ בזוי ומבוזה, פון דעם איז דאָך נישטאָ וואָס צו רעדן.

ס

נו וואָס האָט מען געדאַרפט זיין אַזוי פאַרשקלאַפט [במצרים]?.

איבערדעם זאָג איך, זעט אויס 'די וועלט' איז נאָכנישט אַזוי שלעכט געווען, אפילו די וואָס זענען געווען וויאַזוי זיי זענען געווען, פונדעסטוועגן האָט מען נאָך בחשיבות געהאַלטן אַן ערליכן איד, האָט מען זיי געמוזט פאַרשקלאַפן כדי אַז זיי זאָלן נמאס ווערן.

סא

איך מיין היינט, אַז דער אייבירשטער העלפט מ'פירט זיך מיטן דרך התורה און מ'זעט אויס ווי אַ איד, אַז יענער [נאר] איז חושד מ'איז אַן ערליכער איד, מעג מען שוין האָבן כל טוב, מ'מעג שוין זיין גרויס, מ'ברויך שוין נישט זיין פאַרשקלאַפט אַז מ'זאָל נמאס ווערן, מ'איז אַזוי אויך נמאס, ס'פעלט נישט אויס.

דער בורא כל עולמים מעג שוין העלפן אַצינדערט. די אַלע אידן מעגן שוין זיין ברום המעלה. פונדעסטוועגן דער חשש [שיתערבו] איז שוין נישטאָ [שנמאסים בעיניהם]. קאָן זיין דאָס [שיראי חטא נמאסו] איז טאַקע אַ מעלה.

סב

# ביאור בענין בריחת יעקב אבינו מלבן

[וַיֹּאמֶר לָבָן לְיַעֲקֹב מֶה עָשִׂיתָ וַתִּגְנֹב אֶת לְבָבִי וגו'. לָמָּה נַחְבֵּאתָ לִבְרֹחַ וַתִּגְנֹב אֹתִי וְלֹא הִגַּדְתָּ לִּי וָאֲשַׁלֵּחֲךָ בְּשִׂמְחָה וּבְשִׁרִים בְּתֹף וּבְכִנּוֹר. וְלֹא נְטַשְׁתַּנִי לְנַשֵּׁק לְבָנַי וְלִבְנֹתָי וגו'. וַיַּעַן יַעֲקֹב וַיֹּאמֶר לְלָבָן כִּי יָרֵאתִי כִּי אָמַרְתִּי פֶּן תִּגְזֹל אֶת בְּנוֹתֶיךָ מֵעִמִּי]

כ'האָב געזאָגט די וואָכעדיגע סדרה, לָבָן האָט געפרעגט יעקב'ן, לָמָּה נַחְבֵּאתָ לִבְרֹחַ, האָסט דיך עפּעס באַהאַלטן, וַתִּגְנֹב אֶת לְבָבִי, וְלֹא נְטַשְׁתַּנִי, דו האָסט מיך נישט געלאָזט, לְנַשֵּׁק לְבָנַי וְלִבְנֹתָי, איך זאָל מיך מיט זיי קושן, וָאֲשַׁלֵּחֲךָ, איך העט דיך אַוועקגעשיקט, בְּשִׂמְחָה וּבְשִׁרִים בְּתֹף וּבְכִנּוֹר, מיט שמחה און מיט מוזיק. האָט ער אים געענטפערט כִּי יָרֵאתִי, איך האָב מיך געפאָרכטן, כִּי אָמַרְתִּי, איך האָב געזאָגט, כ'האָב געקלערט, פֶּן תִּגְזֹל אֶת בְּנוֹתֶיךָ מֵעִמִּי.

סג

### קושיא יא

צריך ביאור כפל ויתור הלשון 'כִּי יָרֵאתִי' וגם 'כִּי אָמַרְתִּי'

לכאורה וואָס עפּעס 'כִּי יָרֵאתִי' 'כִּי אָמַרְתִּי', ס'איז עפּעס אַ יתור נפיש ס'איז אַ טאָפּלט לשון, [והיה לו לומר] כי יראתי פן תגזול את בנותיך, [וכִּי אָמַרְתִּי מיותר]

וואָס האָט ער געזאָגט, פאַר וועם האָט ער דאָס געברויכט צו זאָגן. צי וועל איך זאָגן ער האָט 'געקלערט' [גם כן מיותר].

אויבן (תולדות כו, ט) שטייט, ער [יצחק אבינו] האָט זיך געפאָרכטן ער האָט אים געפרעגט עפּעס דאָרט אבימלך [אֵיךְ אָמַרְתָּ אֲחֹתִי הִוא], האָט ער געזאָגט כִּי אָמַרְתִּי פֶּן אָמוּת עָלֶיהָ, האָט ער נישט געזאָגט כי יראתי, [כי באומרו] כִּי אָמַרְתִּי פֶּן אָמוּת האָט מען שוין געזאָגט [אַז] ער האָט זיך געפאָרכטן.

[וקשה] אָדער ער זאָגט 'כִּי יָרֵאתִי' [ומובן מאיליו אַז] האָט ער געזאָגט. [או שיאמר רק 'כִּי אָמַרְתִּי'], וואָס עפּעס צוויי מאָל 'כִּי יָרֵאתִי' 'כִּי אָמַרְתִּי'?

**סד**

**קושיא יב**

צריך ביאור הפחד פֶּן תִּגְזֹל אֶת בְּנוֹתֶיךָ, הלא היו כבר גדולים וברשות עצמן

און דערנאָך וואָס הייסט ער וועט אים אַוועק'גזל'ן [בנותיו], מ'קאָן עפּעס גזל'ן ווי אַ חֵפֶץ, זיי זענען שוין געווען ברשות עצמו, זיי זענען געווען אויף איין דיעה מיט יעקב אבינו, זיי האָבן דאָך אים געגעבן די עצה ער זאָל פון דאָרט אַוועקגיין, און זיי האָבן געזאָגט הֲלוֹא נָכְרִיּוֹת נֶחְשַׁבְנוּ לוֹ.

איי [ואם תאמר שנתיירא] ער וועט זיי נעמען מיט דער געוואַלד, ער וועט זיי איינשפּאַרן, קאָן ער דאָך אים אַליין [יעקב אבינו] אויך אַזוי טאָן, וואָס עפּעס פֶּן תִּגְזֹל 'אֶת בְּנוֹתֶיךָ' [דוקא].

**סה**

**ביאור קושיא יא - יב**

מיין איך דער פשט איז אַזוי.

**יעקב אבינו האָט איינגעפלאַנצט אין די קינדער אַז מ'זאָל זיך פאַרכטן** [מן דיעות] לבן הארמי וכת דיליה, אַז די וועלן צונעמען דאָס געוויסן מיט די דיעות, וועט מען זיי פאַרפירן, דאָס איז די גרעסטע גזילה, אַז מ'גזל'ט פון יענעם צו [דיעותיו], און ער ווערט ער נמשך נאָך יענעם, ער [יעקב] האָט אַזוי איינגעפרעגט [בבנותיו].

היצט האָט ער [לָבָן] אים דערציילט אַ מעשה, "ווען דו זאָגסט מיר אויס העט איך מיך געקושט מיט זיי, און כ'העט זיי [געשיקט] מיט שמחה און מיט מוזיק".

[וַיַּעַן יַעֲקֹב וַיֹּאמֶר לְלָבָן "כִּי יָרֵאתִי"] איך האָב פאַר דעם טאַקע - זאָגט ער - האָב איך מורא, פאַר דעם האָב איך מיך געפאָרכטן, איך האָב מיך געפאָרכטן דו וועסט ווערן אַזאַ גוטער ברודער מיט זיי.

"כִּי אָמַרְתִּי" אייביג האָב איך זיי געזאָגט פֶּן תִּגְזֹל אֶת בְּנוֹתֶיךָ מֵעִמִּי, אַז כ'האָב פאַר דיר מורא, און פלוצים וועלן זיי זען דו ביסט אַזוי גוט צו זיי אַז דו קושט דיך מיט זיי, און בְּשִׂמְחָה וּבְשִׁרִים [ואינך מואס בהם], נו וועט דאָך אויסקומען אַז דאָס אַלעס וואָס כ'האָב געזאָגט ביז היצטערט, דאָס האָב איך געזאָגט פאַלטש, העטן זיי דאָך געווען אינגאַנצן געווען פאַרנאַרט געוואָרן, פאַר דעם בין איך טאַקע אַנטלאָפן פון דיר, פאַר דעם טעם וואָס דו זאָגסט,

ווייל דאָס וואָס דו זאָגסט מיר [שהיית מנשקם ומלווים בשמחה] דאָס איז טאַקע די גזילה [וזה הוא אשר יראתי].

[ומיושב כפל הלשון, שאמר יעקב כי על כן לא גליתי לך בריחתי, "כִּי יָרֵאתִי" מזה גופא שאתה אומר שהיית מנשקם ומשלחם בשמחה, כי זה סתירה להחינוך שחינכתי אותם "כִּי אָמַרְתִּי" להם תמיד, שיתייראו לנפשם "פֶּן תִּגְזֹל אֶת" דעת "בְּנוֹתֶיךָ מֵעִמִּי"].

סו

היוצא לנו מזה, דער תכלית, מ'זאָל אַהערשטעלן אַ דור מיט אידן.

**ברויך מען גוט אַריינצוקלערן, מ'ברויך זיך שטעלן, און מ'ברויך זיך צו באַוואָרענען, אַז נישט חלילה.**

אַלדינגס איז דאָך גוט [כל הישיבות שהיו כאן], מ'זאָגט אַלעס האָט עפּעס אויפגעטוהן, נאָר איך מיין דאָס [ישיבתינו] איז אַ יסוד פאַר אידישקייט.

**איז מען מחוייב, יעדערער איז דאָס מחוייב מיטהעלפן, מ'זאָל דאָס אויסהאַלטן.**

סז

## ביאור בַּבֹּקֶר זְרַע אֶת זַרְעֶךָ וְלָעֶרֶב אַל תַּנַּח יָדֶךָ

עקסטער אַלעמען, פשוט האָב איך געזאָגט, ס'שטייט (קהלת יא, ו) **בַּבֹּקֶר זְרַע אֶת זַרְעֶךָ וְלָעֶרֶב אַל תַּנַּח יָדֶךָ** [כִּי אֵינְךָ יוֹדֵעַ אֵי זֶה יִכְשַׁר הֲזֶה אוֹ זֶה וְאִם שְׁנֵיהֶם כְּאֶחָד טוֹבִים].

חכמינו ז"ל האָבן גע'דרש'נט (יבמות סב:) זְרַע זַרְעֶךָ מיינט מען תלמידים, וְלָעֶרֶב אַל תַּנַּח יָדֶךָ [מיינט] אויך תלמידים, אם למדת עם תלמידים בנערותך זאָלסטו מעמיד זיין בזקנותך.

נו וואָס שטייט [בַּבֹּקֶר] עפּעס אַ לשון זְרַע זַרְעֶךָ און דאָ [וְלָעֶרֶב] שטייט אַל תַּנַּח יָדֶךָ.

סח

## כשיש חשכות בעולם, צריכים לעשות הכל למען הצלת הדור

קען זיין אַזוי, **בַּבֹּקֶר** הייסט דאָך, שטייט דאָך בוקר איז דער זמן הגאולה ווען ס'איז לעכטיג.

**עֶרֶב** זאָגט דער מדרש (בר"ר ג, ח) מיינט מען, ווען ס'איז חושך מיינט מען ער רופט אָן רשעים ערב און דאָס גלות ערב.

ווען ס'איז לעכטיג אויף דער וועלט, אַז מ'זייערט זאָמען, מ'איז מעמיד תלמידים מ'שטעלט אַראָפּ אַ ישיבה, ווייסט מען זיכער אַז מ'האָט עפּעס געטוהן, אָבער ווען ס'איז אַ חשכות אויף דער וועלט, מ'האָט אויפגעשטעלט אַ ישיבה ווייסט מען נישט וועלעכס ס'וועט געלונגען, טאָר מען זיך נישט אָפּשטעלן [בהחזקת ישיבה אחת, רק צריכין להחזיק כמה ישיבות], מוז מען איבעראָל העלפן.

איז בַּבֹּקֶר איז געגוג זְרַע זַרְעֶךָ. אַזוי ווי איינער זאָגט איך גיב שוין פאַר 'דער' ישיבה און פאַר יענער בין איך שוין פטור.

KolSatmar.com

אָבער וְלָעֶרֶב [כשהוא זמן חשכות] איז אַל תַּנַּח יָדֶךָ, טאָרסטו נישט צו רוען, טאָרסטו נישט אַראָפּלייגן די הענט און זאָגן איך האָב שוין געגעבן, איך האָב שוין אָנגעזייערט, איך האָב שוין געגעבן פאַר 'דער' ישיבה און פאַר 'יענער' ישיבה, אַל תַּנַּח יָדֶךָ, דו טאָרסט נישט אויפהערן, [כִּי] אֵינְךָ יוֹדֵעַ אֵי זֶה מהם יִכְשָׁר [הֲזֶה אוֹ זֶה וְאִם שְׁנֵיהֶם כְּאֶחָד טוֹבִים], ס'איז פשוט, אויסער אַלע טעמים, און מ'ברויך צו וויסן מ'ברויך צו קלערן פון וואו אַרום מ'וועט זיך דעקן, אַז מ'זאָל אויפהאַלטן דאָס דור.

### סט
## המשך ביאורי הקושיות
### אופן א: בביאור קושיא י:

כתב עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ ולא כתב אֲחַמְּשֶׁנּוּ, לרמז על עַשֵּׂר בִּשְׁבִיל שֶׁתִּתְעַשֵּׁר, שנצרך לעשירות

קען זיין וְכֹל אֲשֶׁר תִּתֶּן לִי עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ לָךְ, מ'פרעגט דאָך די קשיא וואָס שטייט נישט אֲחַמְּשֶׁנּוּ אויפאַמאָל, וואָס עפּעס צוויי עישורים.

[ויש לומר] ער איז דאָ מרמז נאָך עפּעס [שהמעשר מביא לעשירות. כמו בפסוק] עַשֵּׂר תְּעַשֵּׂר (דברים יד, כב) דרש'נט דער מדרש (תנחומא ראה, יח) עַשֵּׂר בִּשְׁבִיל שֶׁתִּתְעַשֵּׁר.

נו, יעקב אבינו זאָל זאָגן אויף זיך עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ, איך זאָל ווערן אַן עושר?!.

[אמנם הכוונה] ער האָט אָבער פריער געזאָגט "שלא ימצא פסול בזרעי", איך ברויך אויפשטעלן אַ דור, אַז מ'ברויך אויפשטעלן אַ חינוך - דאָס זעט מען - ברויך מען טאַקע זיין אַן עושר, מ'ברויך האָבן אַן עַשְׁרוּת דאָס אויפצוהאַלטן.

### ע
### אופן ב: בביאור קושיא ד

לאחר שרצה להעמיד חינוך שלא ימצא פסול בזרעי, אמר עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ שלזה נצרך עשירות

איבערדעם האָט ער געזאָגט וְהָיָה ה' לִי לֵאלֹקִים [ופירש"י] שלא ימצא פסול בזרעי, [ולזה אמר] וְכֹל אֲשֶׁר תִּתֶּן לִי איז עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ, ס'מוז זיין עַשֵּׂר בִּשְׁבִיל שֶׁתִּתְעַשֵּׁר, איך מוז טאַקע האָבן ממש [עשירות], אַז ער וויל דאָס אויפשטעלן איז טאַקע עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ.

### עא

ותמצית דערפון, אַזוי ווי כ'האָב שוין פריער געזאָגט אויפן יסוד אויסצוהאַלטן [החזקת התורה, מותר ליתן יותר מחומש].

כ'האָב שוין געברענגט די ראיה [להשיטה מקובצת] פון די [שני] יסודות, [וביסוד ב' ביארתי] אַז דאָס קומט נישט אין חשבון [הקצוב בראש השנה], דער בורא כל עולמים באַצאָלט יעדן.

און אַז מ'איז משים על הלב זעט מען וואָס דאָס איז, מ'מוז אויפהאַלטן אַזאַ חינוך וואָס איך האָף אַז מ'וועט נישט אַריינמישן [מדרך הגוים].

אַז מ'מישט נישט אַריין, נאָר [מ'גייט] אויף דעם פריערדיגן שניט, אויף דעם פריערדיגן יסוד, מ'זאָל שעפּן פון דער זעלבער קוועלע [מאותו הַבְּאֵר "של האבות"], מיין איך אַזוי ווי כ'האָב פריער געזאָגט (אות נא) דאָס וואָס די גמרא זאָגט אַז נאָר

חוץ מהוצאת [בניו לתלמוד תורה], אַז דאָס איז מען מוסיף מן השמים פאַר יעדן [לכל הנותנים ומסייעים, אפילו לבנים אחרים שאינם בניו].

עב

אף שהבוכ"ע נותן הכל בחזרה, נשאר לו זכות המצוה בשביל היגיעה

דער בורא כל עולמים העלפט נאָך, דער בורא כל עולמים העלפט, - אַז יענער איז זיך מייגע, - און מ'גיט אים אַהין **דעם זכות המצוה**, אָבער **דאָס געלט** גיט דער בורא כל עולמים צוריק.

עג

## איישר כוחם וחילם לאורייתא לכל התומכים

אויף אַלנפאַלס, ס'איז דאָך די גרויסע נסיונות, דער גרויסער יצר הרע ווי כ'האָב פריער געזאָגט, ס'איז בשפל המצב, בכלל אינדרויסן אין די מדינה.

ממילא **איישר כוחם וחילם לאורייתא** די אידן וואָס זענען יאָ געקומען אַהער. - מילא דאַרף איך דאָך נישט צו זאָגן אונזערע אידן פלאָגן זיך דערפאַר פאַר זיך אַליין [להעמיד חינוך לבניהם]. - די דרויסנדיגע אידן איבערהויפט, דער פון דרויסן הערט מען זיך דאָך געגנוג "שבחים" אָן פון דרויסן, אַנדערש [לגנאי ולא לשבח], און אַז מ'איז זיך דאָך מתגבר אַז מ'נעמט טייל און מ'קומט, איז **איישר כוחם** אַז מ'נעמט דערפאַר טייל.

ווער שמועסט נאָך וואָס מ'העלפט מיט [בגופו, להיות עושה ומעשה], מיט'ן אייבירשטענס הילף דאָס איז דאָך זיכער אַ כל המוסיף מוסיפין.

עד

דער אייבירשטער זאָל העלפן טאַקע ווייטער מ'זאָל עס קענען אויפהאַלטן.

ס'איז טאַקע אַ גרויסע הילף, אַ גרויסע שטיצע, וואָס מ'קומט זיך צונעזאַם דעם איינע מאָל אין יאָר.

אָבער דער אמת איז, פאַרשטייט יעדערער, אַז דאָס דעקט נאָכנישט דעם דעפיציט וואָס מ'ברויך האָבן.

ס'איז אויך אַ חסד הבורא, ס'איז זייער שיין פון אידן, גאַנץ שיין, יעדער גיט איבערן כח, מ'דאַרף נישט צו רעכענען.

**אשרי חלקם יעדער איד יעדער וויפיל ער האָט געגעבן, די גרעסערע און די קלענערע, אָן אַן אויסנאַם, און מ'דערקענט יעדער האָט געגעבן בְּטוּב לְבָבוֹ, מיטן גאַנצן האַרץ, מ'איז דערביי.**

עה

## סיום וברכת הקודש

דער בורא כל עולמים זאָל טאַקע העלפן מ'זאָל "אָנזען" דאָס וואָס די גמרא זאָגט אַז מ'איז מוסיף.

ס'איז אַ גרויס הסתרת פנים, מ'נעמט עס שווער אינאַכט אַז דער בורא כל עולמים פירט, אָבער דער וואָס ער איז אַ מאמין, דער גלייבט דאָס וואָס ער זעט נישט מיט די אויגן.

KolSatmar.com

דער בורא כל עולמים זאָל העלפן מ׳זאָל טאַקע זען מיט די אויגן אַז וואָס כ׳האָב פריער געזאָגט שמוסיף יוסיפו לו.

דער בורא כל עולמים זאָל יעדן אומקערן און צוריקגעבן.

און נאָכדעם זאָל מען ווייטער געבן [למטה, להחזקת התורה]. און מ׳זאָל אים נאָכאַמאָל צוריקגעבן [מן השמים בהוספה].

דער אייבירשטער זאָל העלפן ס׳זאָל אַזוי זיין כסדר.

**עו**

**אופן ב בביאור קושיא י:**

הא דלא כתיב אַחַמְשֶׁנּוּ רק עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ

שטייט עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ, מ׳פרעגט פאַרוואָס ס׳שטייט נישט אַחַמְשֶׁנּוּ?.

[ויש לומר באופן ב] ווייל מ׳דאַרף דאָס אַסאַך מאָל געבן, טאַקע פון דעם וואָס דער בורא כל עולמים וועט נאָכאַמאָל געבן, וועט מען ווייטער געבן נאָכאַמאָל.

**עז**

דער אייבירשטער זאָל העלפן טאַקע:

אֲיַישַּׁר כֹּחָם וְחֵילָם לְאוֹרַיְתָא, מ׳זאָל זוכה זיין יעדערער צום פירותיו בעולם הזה והקרן קיימת לעולם הבא (משנה ריש מס׳ פאה. ברייתא שבת קכז. וקידושין לט:).

און דאָס איז טאַקע אַליין דער גרעסטער שְׂכַר אַז מ׳זאָל די זכיה האָבן מ׳זאָל דורכפירן, מ׳זאָל זען טאַקע אַ יסוד פון אידישקייט, וּבָנוּ מִמְּךָ חָרְבוֹת עוֹלָם, די חָרְבוֹת, [וכמו שאמרו במדרש דזה נחשב] כאילו עָמַד בַּפֶּרֶץ לְפָנָיו (עיין אות יט).

מוֹסְדֵי דוֹר וָדוֹר, מ׳זאָל קענען אויפשטעלן דורות מיט אידן.

דער אייבירשטער זאָל העלפן:

נישט אויף לאַנג, בְּקֶרֶב זאלמיר זוכה זיין די גאולה שלימה און די ישועה שלימה, משיח צדקינו דער מלך המשיח וועט אונז פירן, האָף מיר.

**מיט וואָס וועט מען קומען, מיט וואָס וועט מען קענען מקבל זיין פני משיח צדקינו?!**

בעוונינו הרבים וויאַזוי מ׳האָמיר אָפּגעפירט אין דעם דור, די מעשים וויאַזוי מ׳איז מָלֵא עֲוֹנוֹת וּפְשָׁעִים.

**אפשר דאָך, אַז דער אייבירשטער וועט העלפן מיט תינוקות של בית רבן קען מען דאָך אַקעגן גיין משיח׳ן, וואָרן דאָרט איז דאָ השראת השכינה.**

און די וואָס זיי האָבן צוגעהאָלפן דערצו, און זענען מיטגעגאַנגען דערצו, **השם יתברך זאָל זיי העלפן מיט אַלעם גוטן.**

מ׳זאָלמיר זוכה זיין מ׳זאָלמיר נתרומם ווערן מיט כל מיני ישועות, מיט אַלע ברכות בזה ובבא.

מ׳זאָלמיר זוכה זיין במהרה מקבל זיין פני משיח צדקינו, בשמחה ובנחת, בקדושה ובטהרה, בהתגלות כבוד שמים עלינו במהרה בימינו אמן.

KolSatmar.com